ראש השנה ||| שנת תשפ"ו לפ"ק ||| גליון קס"ח

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

גליון מיוחד לקראת ראש השנה

מלכיות זכרונות שופרות א
תקיעת שופר י
נקודה למחשבה ח

## מלכיות זכרונות שופרות

## אמרו לפני מלכיות;

די ליכטיגקייט פון 'מלכיות זכרונות שופרות' הייבט זיך אן דורך'ן אָפּשטעלן 'קנאה תאוה וכבוד'

יום ה' פרשת נצבים, כ"ה אלול תשפ"ה

א

## כי תפארת עוזמו אתה; ראש השנה באַקומט די נפש אַן אמת'ע היילונג

### די תקיעות זענען מכפר אויף די שלש חמורות

אין די **כתבי האריז"ל** שטייט אַז מיט אונזער עבודה פון די תקיעות איז מען מכפר אויף די **שלש עבירות החמורות**. די תקיעות דמיושב זענען מתקן דעם חטא פון **עבודה זרה**, די תקיעות פון שטילע שמונה עשרה זענען מתקן דעם חטא פון **גילוי עריות**, און די תקיעות פון חזרת הש"ץ זענען מתקן דעם חטא פון **שפיכות דמים**.

פונקט ווי ביי די קרבנות וואָס אידן האָבן מקריב געווען, בזמן שבית המקדש היה קיים, זענען געווען באַזונדערע קרבנות צו מתקן זיין אַנדערע חטאים; די שעירי חטאת האָבן מכפר געווען אויף **טומאת מקדש וקדשיו**, קטורת האָט מכפר געווען אויף **לשון הרע**, א.א.וו. אַזוי אויך ווען ס'קומט אַ ראש השנה, ווען אידן דערנענטערן זיך צום רבוש"ע מיט אַזאַ דביקות, ווערן **דורך די מצוות אָפּגעמעקט און אויסגערייניגט די נישט גוטע זאַכן וואָס זענען אנגעקלעפּט אויף אידישע נשמות**, און ביי די תקיעות איז מען מתקן די אַלע פּגמים פון די שלש חמורות.

### מלכיות איז מתקן עבודה זרה

דער ספה"ק **שם משמואל** (תרע"ד) לייגט צו, אַז לויט דעם אריז"ל קען מען זאָגן אַז די תקיעות פון **סדר מלכיות** איז קעגן דעם חטא פון **עבודה זרה**, די תקיעות פון **זכרונות** איז קעגן דעם חטא פון **גילוי עריות**, און די תקיעות פון **שופרות** איז קעגן דעם חטא פון **שפיכות דמים**.

דאָס שטימט זייער שיין אויך מיט'ן פּשוט'ן פּשט. ווייל **דער חטא פון עבודה זרה איז דאָך אַ פּראָבלעם פון חסרון אמונה אין מלכות ה'**. ווען איינער דינט עבודה זרה פעלט אים די ידיעה ווער ס'האָט באַשאַפן און פירט די וועלט. **ביי די פּסוקים פון מלכיות אַרבעט מען אַריין אין דער עבודה צו ממליך זיין דעם אויבערשטן**, אַרויסצוברענגען דעם 'להעביר גילולים מן הארץ והאלילים כרות יכרתון, לתקן עולם במלכות ש-די'.

דעריבער טוט 'מלכיות' אויסמעקן דעם פּגם פון עבודה זרה, ווייל ס'איז 'כבלעו כך פלטו', יעדעס מאָל ווען אַ מענטש האָט חלילה דעם פּגם פון עבודה זרה - און אויך דעם פּגם פון 'כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה' - איז עס **וויבאַלד עס פעלט פאַר'ן מענטש פון זיין אמונה**. אָבער ווען ער דערמאַנט זיך דעם אמת אַז דער אויבערשטער איז מלך העולם, איז דאָס אַ תיקון דעם חטא פון עבודה זרה.

### זכרונות איז מתקן גילוי עריות

די פּסוקים פון זכרונות זענען אַ תיקון אויף דעם חטא פון גילוי עריות, ווייל דער גאַנצער שורש פון דעם חטא איז, וויבאַלד **די נפש פונעם מענטש איז משתוקק צו שפּירן אַ טיפע רגש פון תענוג**, און צוליב דעם וואָס ער געפינט זיך אין אַ גוף, אַרומגענומען מיט נסיונות דאָ אויף דעם עולם הזה, דעריבער איז ער נאָכגעשלעפּט געוואָרן, און ס'האָט זיך אנגעקלעפּט אויף זיין נשמה רגש און תענוג פון דער נישט גוטער זייט.

דער רבוש"ע זאָגט אָבער פאַר'ן מענטש: **וואו גייסטו? איך ווייס וואָס דו זוכסט, אָבער וואו זוכסטו עס?** אדרבה, דו קענסט און דו דאַרפסט עס באַקומען. אָבער **די טיפסטע רגש און תענוג וואָס אַ מענטש קען שפּירן איז, דורך אַ קשר מיט'ן רבוש"ע**. קרבת ה' איז די מערסטע אמת'ע געפיל פון שייכות וואָס **קיין שום אַנדערע זאַך קען דיר נישט ברענגען!** דער רבוש"ע האָט דאָך אַזאַ טיפן ברית עולם מיט אַ איד, פאַרוואָס ביזטו געגאַנגען צו אַנדערע זאַכן אויב דו קענסט עס האָבן פונעם ריכטיגן פּלאַץ?

ביי די פּסוקים פון זכרונות ברענגט מען זייער שטאַרק אַרויס די נקודה: **וְזָכַרְתִּי אֲנִי אֶת בְּרִיתִי אוֹתָךְ בִּימֵי נְעוּרָיִךְ וַהֲקִמוֹתִי לָךְ בְּרִית עוֹלָם**. דער אויבערשטער זאָגט אַז **לעתיד לבוא וועל איך מגלה זיין די אהבה וואָס איך האָב צו כלל ישראל**, אויף אַן אופן פון 'ברית עולם' וואָס כ'האָב עס נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק אַרויסגעברענגט. די מפרשים זענען דאָרט מסביר אַז 'ברית עולם' מיינט אַז ס'איז נישט קיין חילוק אויב ס'איז געווען חטאים וכדומה. לעתיד לבוא וועט מען פאַרשטיין אַז דער ברית צווישן אידן מיט'ן אויבערשטן איז אַ נצחיות, און גאָרנישט קען דאָס נישט אָפּהאַלטן. דעריבער **ווען אַ איד געדענקט און חזר'ט די פּסוקים פון זכרונות ווערן אויסגעמעקט אַלע נישט גוטע הרגשים פון תענוג.**

### שופרות איז מתקן שפיכות דמים

דער שם משמואל איז ווייטער מסביר פאַרוואָס די פּסוקים פון שופרות זענען מתקן דעם פּגם פון שפיכות דמים. ווייל דער שופר איז אַ בחינה פון '**ויפח באפיו נשמת חיים**', ווען אַ מענטש בלאָזט

שופר ברענגט ער אַרויס אַ חיות פון די טיפענישן פון זיין נשמה.

קומט אויס אַז שפיכות דמים נעמט אַוועק די 'נשמת חיים' פון אַ מענטש און שופר ברענגט צוריק דעם 'נשמת חיים'. שפיכות דמים מיינט אַז פון חיים איז געוואָרן מיתה. אָבער **דורך דעם שופר איז מען מעורר נייע חיים**. דעריבער איז דאָס אַ תיקון אויף שפיכות דמים.

## קנאה, תאוה און כבוד

די **ספרים הק'** זאָגן אויף די משנה (אבות ד, כא): **'הקנאה התאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם'**, אַז די דריי חטאים פון 'קנאה, תאוה, כבוד' זענען ענפים פון די דריי עבירות 'עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכות דמים'. ווייל **כבוד** קומט פונעם שורש עבודה זרה, ווען עס פעלט פון דער אמונה און מ'גלייבט אין דעם אייגענעם כוחי ועוצם ידי. **תאוה** איז פונעם שורש גילוי עריות. און **קנאה** קומט פון שפיכות דמים, ווייל דער מענטש שפירט: "יענער שטערט מיר צו שטאַרק, כ'האָב נישט קיין אַנדערע עצה נאָר אים צו פשוט אַפּרוימען פון וועג"...

דאָס זעלבע איז ווען אַ מענטש טוט עס נישט מיט אַ מעסער ח"ו, נאָר **ער איז שופך דם פאַר אַ צווייטן מיט ווערטער**, ווי חז"ל זאָגן אויף 'המלבין פני חבירו ברבים' אַז ס'איז ממש שפיכות דמים, 'אזיל סומקא ואתי חיוורא'. דער שורש דערפון קומט פון אַ געפיל: **"איך דאַרף יענעם לייגן אין אַ זייט, ווייל ער שטערט מיר פון אָנקומען וואו איך וויל"**... דעריבער מאַכט מען זיך אַזאַ נאָטיץ אין מח אַז ווען די צייט וועט קומען דאַרף מען יענעם באַזייטיגן. מ'ווערט באַלד זען וויאַזוי מ'מאַכט דאָס... דער מענטש שפירט אַז יענעמ'ס לעבן שטערט מיין לעבן. און מ'דאַרף זען אַז יענע חיים זאָל מער נישט דאָ זיין, כדי אַז איך זאָל קענען לעבן. **קנאה ברענגט ממש לידי שפיכות דמים.**

## צער ברענגט אַרויס דיין שלימות

דער אמת איז אָבער פאַרקערט. אדרבה! ווען יענער שטייט דיר אין וועג, ווען יענער טשעפּעט דיר, ווען יענער נעמט דיר עפּעס צו, ווען יענער דערמאָנט דיר דיינע חסרונות, אָדער ווען יענער מאַכט דיר סיי וועלכע אַנדערע צער, איז דאָס אַלעס מיט אַ תכלית פון הימל: **לצרף וללבן את בני אדם!** און ווען אַ איד ווערט אויסגעלייטערט, ברענגט דאָס אַרויס זיין שלימות'דיגע מהות. דעמאָלט קומט אַרויס זיין נשמה אויפ'ן שענסטן פאַרנעם.

אויב יענער וואָלט נישט דאָ געווען דיך צו אויסלייטערן, **וואָלסטו געבליבן האַלב פאַרמאַכט.** דיין פנימיות וואָלט נישט געקענט אַרויסקומען! דער מענטש וויל בלייבן מיט זיין מינימום חיות, און ווען איינער שטערט אים, זאָגט ער: "פאַרוואָס האָב איך די צער, לאָז מיר לעבן באַקוועם"...

'באַקוועם' מיינט אַז **ער וויל נישט אַרויסברענגען קיין נייע כוחות.** אָבער מ'קען זען אפילו ביי די גשמיות'דיגע כוחות, אַז אויב אַ מענטש נוצט נישט אויס זיינע אברים, ער מאַכט נישט קיין געהעריגע איבונגען, דעמאָלט וואָס פּאַסירט ווען מ'ווערט עלטער? די אברים אַרבעטן שוין נישט אַזוי גוט, און דער דאָקטער זאָגט: "דו מוזט אָנהויבן נוצן דיינע הענט און פיס, דו זיצט אַגאַנצן טאָג און דאָס איז נישט גוט, דו מוזט אָנהויבן שפּאַצירן"...

## ס'איז טאַקע אומבאַקוועם, אָבער ס'איז געזונט...

פאַר'ן מענטש איז באַקוועמער צו נוצן נאָר פערציג פּראָצענט פון זיין גוף אַזוויי ער איז צוגעוואוינט. ער וויל בלויז עסן, זיצן און שלאָפן... איך פאַרשטיי אַז ס'איז באַקוועמער, **אָבער מ'קען נישט אַזוי ממשיך זיין...** מ'דאַרף דיר מאַכן אומבאַקוועם, הייב אָן גיין טרעפּ, שלעפּ שווערע זאַכן, אַז דאָס חיות זאָל אָנקומען צו אַלע דיינע אברים וגידים.

דאָס זעלבע איז מיט'ן נפש: עס איז דיר געווען באקוועמער צו נוצן בלויז די פערציג פראצענט צו וועלכע דו ביסט שוין צוגעוואוינט. אָבער **דער רבוש"ע וויל אַז נאָך חלקי הנפש זאלן באַקומען אַ חיות,** דעריבער שטעלט ער אונטער אַ נסיון דורך אַ צווייטן מענטש. אַצינד ביזטו יענעמס מקנא, דו ווילסט אים שופך דמים זיין, אָבער **באמת איז עס פאַר דיין טובה,** פאר דיין שלימות.

## "נישט דאָס האָב איך געמיינט צו זאָגן"...

בדרך אגב: מ'זעט אָפט אַז ווען דער אויבערשטער גיט אַ נסיון פאַר'ן מענטש איז עס **אַזאַ סאָרט נסיון וואָס דער מענטש האָט זיך בכלל נישט פאָרגעשטעלט.** דער מענטש האָט געהאַט אין פלאַן אַז ס'וועט אים אונטערקומען נסיונות, אָבער **דאָס האָט ער שוין נישט געטראַכט...**

אויב ער וואָלט געקענט אַריינגעבן אַ בקשה פאַר'ן רבוש"ע וואָלט ער אויסגעפילט אַ צעטל מיט דריי סאָרט נסיונות וואָס ער שפירט אַז ס'איז געאייגנט פאַר אים: "איך וועל פּרובירן זיך צוזשטעלן, כאָטש מיט צוויי פון די דריי נסיונות"... למעשה קומט אים שפּעטער אונטער אַ נייעם נסיון פון אַן אַנדערן ווינקל. ער שפירט כאילו ער וויל זאָגן פאַר'ן רבוש"ע: "דאָס איז נישט מיין סאָרט נסיון, דאָס וואָלט געווען מער פּאַסיג פאַר מיין חבר"...

## מ'דאַרף ליכטיג מאַכן די באַהאַלטענע חסרונות

פאַרוואָס טאַקע קומט דער נסיון דוקא אויף אַזעלכע פלעצער וואָס מ'האָט זיך נישט גערעכנט? ווייל **יעדער מענטש האָט געוויסע חלקים בנפש, וואָס דאָרט איז ער ממש אינגאַנצן בלינד.** ער איז זיכער אַז דאָרט האָט ער נישט קיין שום חסרון. ער באַמערקט נישט אַז דאָרט פעלט אים אמונה, אָדער מדות טובות, א.א.וו. דעריבער קלויבט אים דער רבוש"ע אויס **אַזאַ סאָרט נסיון וואָס וועט אים לעכטיג מאַכן דוקא דאָרט וואו ס'איז אים טונקל.**

'לעכטיג מאַכן' מיינט אודאי' נישט אַז דער מענטש וועט גלייך שפּירן אַ תענוג מיט אַ זיסקייט. דאָס וועט שפּעטער קומען, נאָכדעם וואָס מען אַרבעט עס אויס. 'לעכטיג מאַכן' מיינט אַז ס'וועט זיין אַן אומבאַקוועמע ליכטיגקייט. דו האסט אַ פלאַץ בנפש וואָס דו באַהאַלטסט אַזוי שיין, קומט אָבער דער נסיון מיט אַ פּראַזשעקטאָר און **עס שיינט פונקט אין די אומבאַ'טעמ'טע חלקי הנפש וואו דו ווילסט נישט קוקן...**

ווען דער מענטש וואָלט געהאַט אַ נסיון וואָס וואָלט געשיינט נאָר אויף זיינע גוטע חלקים, וואָלט ער געווען צופרידן. ער וואָלט געקומען אין שול מיט אַ שמייכל, און מענטשן וואָלטן געזאָגט: "אָה, ער איז מקבל יסורים באהבה"... אָבער **דער רבוש"ע ווייסט אַז אַזאַ נסיון ברענגט נישט אַרויס קיין נייע חיים.** דאָס איז נאָכאַמאָל די אַלטע חיים וואָס דער מענטש האָט שוין פון פריער. דעריבער גיט מען אים פון הימל דירעקט אַן אַנדערע סאָרט נסיון וואָס זאָל אַרויסברענגען **אַ חיים וואָס איז נאָכנישט אַרויסגעקומען פון דער מענטש.** דער נסיון איז געמאַכט געוואָרן אַז ס'זאָל שיינען פונקטליך צו יענעם חלק וואָס איז נאָכנישט מסודר אין דיין נפש!

## תורה שיינט אַריין אַ לעזונג

צוריק צום ענין: בדרך כלל איז דאָס דער שורש פון שפיכות דמים, ווען אַ מענטש שפירט דעם געפיל פון קנאה אַז "איך דאַרף יענעם אָפּרוימען פון וועג, כדי איך זאָל קענען שיינען אויף מיין פּלאַץ"... **די פסוקים פון שופרות זענען מתקן אָט דעם פגם** פון שפיכות דמים.

מען דערמאָנט ביי שופרות דעם שופר פון מתן תורה, ווייל די תורה באַגלייט און לייטערט אויס דעם מענטש, **המאור שבה מחזירו למוטב** און ווי דער זוהר הק' זאָגט: **'אורייתא מודעת ליה חוביה'.** די תורה האָט דעם כח אַז ס'קען ליכטיג מאַכן מיט ביידע אייגנשאַפטן פון ליכטיגקייט: די תורה איז אַן אור **וואָס ווייזט** פאַר'ן מענטש זיינע פּראָבלעמען, און ס'איז אַן אור **וואָס היילט אויס און ברענגט אַ לעזונג** צו די פּראָבלעמען.

יעדער קען דעם סאָרט סיטואַציע, ווען איינער גייט דורך אַ געוויסע שוועריגקייט, און אַ צווייטער איז אים מסביר אַ האַלבע שעה, מיט אַלע סאָרט הגדרות און הסברים, וואָס ס'איז זיין פּראָבלעם. דער מענטש הערט אויס און פרעגט: "נו, ובכן, וואָס ווילסטו איך זאָל יעצט טון"? - זאָגט יענער: "אָה, איך דאַרף גיין", און ער לאָזט אים דאָרט זיצן... אויב מ'זאָגט נאָר דעם פּראָבלעם, וואָס האָט מען דערפון? **די תורה האָט אָבער ביידע אייגנשאַפטן:** עס ווייסט **וואו** מ'דאַרף פאַררעכטן, און עס העלפט פאַר'ן מענטש אַרויסצושלעפן זיין אייגענע ליכטיגקייט.

## תורה אַנשטאָט יסורים

אויב אַ איד איז מסכים צו לערנען די מאמרי חז"ל מיט אַ ביטול, איז דאָס אַ שפּיגעלע צו אַנטדעקן זיינע אייגענע שוואַכקייטן! **אַנשטאָט דאַרפן דורכגיין יסורים ווערט ער אויפגעקלאָרט דורך תורה.** אַזוי זאָגן טאַקע חז"ל אַז תורה איז אַנשטאָט יסורים, **אשרי הגבר אשר תיסרנו קה ומתורתך תלמדנו.** ווייל אַנשטאָט דו זאָלסט דאַרפן דורכגיין אַ גאַנצע מצב פון יסורים וואָס וועט אַרויסברענגען דיין שוואַכקייט, **קענסטו עס**

**טרעפן אין אגדות חז״ל אויב דו וועסט לערנען מיט׳ן ריכטיגן צוגאַנג.**

דורך די תורה וועסטו כאַפּן דעם פּראָבלעם, דו וועסט האָבן בושה פון דעם פּראָבלעם, און דורכדעם וועסטו זיך איינשפּארן אַלע יסורים. דו וועסט מתפּלל זיין: ״רבוש״ע, העלף מיר אַרויסגיין, איך קען נישט אַליין״ און **די תורה וועט דיר באַגלייטן און העלפן צו קענען מטפּל זיין מיט דעם חסרון.** אודאי איז עס נאָך אַלץ אומבאַקוועם, ווייל ווען אַ מענטש טרעפט זיך מיט זיין אמת׳ן מצב, וויל ער דאָס נישט אָננעמען, ער האַלט אַז ס׳איז נישט אמת, ״מען מאַכט עס ערגער ווי ס׳איז״... אָבער כאָטש ברענגט עס אַביסל אַרויף די נושא אויפ׳ן טיש, און בעז״ה וועט ער אַרויסגיין דערפון.

דער שופר האָט דעם כח אַרויסצושלעפּן די טיפע פלעצער פונעם מענטש. דערפאַר איז געווען אַ קול שופר ביי מתן תורה, און דערפאַר וועט אויך לעתיד לבא זיין דער שופר, וואו מ׳זאָגט די פּסוקים ביי שופרות: **והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול.** דאָס איז דער שלימות הבריאה ווען אַלע אידן וועלן זיך פאַראייניגן און זיך פרייען אַז מ׳איז אָנגעקומען. יעדער איד האָט געטון זיין חלק, און דורכדעם זענען אַלע נשמות אָנגעקומען צום תיקון השלם.

ב

# והקימותי לך ברית עולם; זעטיגן די נשמה מיט איר ריכטיגע שפּייז

## וויאַזוי היילט מען אויס דעם שורש?

יעדער מענטש אויף דער וועלט מוטשעט זיך מיט פּראָבלעמען פון קנאה תאוה וכבוד אויף אַ טאָג טעגליכן פאַרנעם. אַמאָל אויף אַזאַ נוסח און אַמאָל אויף אַן אַנדערע נוסח, אָבער **בדרך כלל האָט יעדער שוועריגקייטן מיט די אַלע דריי זאַכן.** און שפּעטער, ווען מ׳רעדט אַז מ׳דאַרף מתקן זיין די פּגמים פון קנאה תאוה וכבוד, קוקט מען עס צומאָל אָן מיט אַ צוגאַנג: ״ס׳איז געשען אַ פּראָבלעם, איך בין ליידער דורכגעפאַלן עטליכע הונדערט מאָל מיט די עבירות, אָבער יעצט גייט מען עס גענצליך אויסמעקן. לאָמיר מבטל זיין די קנאה תאוה וכבוד״.

אָבער אויב מ׳קוקט עס אָן מיט אַזאַ בליק, פעלט אַ געוואַלד פונעם אמת. ווייל **פאַרוואָס איז געשען די קנאה, תאוה, אָדער כבוד?** וויאַזוי איז דאָס געשען? אַזויווי דער דאָקטער פרעגט פונעם פּאַציענט: ״פאַרצייל מיר אַביסל וואָס איז געווען פריער, געב מיר אַביסל ׳בעגראונד׳, וואָס איז געווען די צען מינוט פאר ס׳איז געשען די מעשה?״.

**ס׳איז דאָך דאָ מצבים ביים מענטש וואָס האָבן אים ערוועקט אָט די קנאה, תאוה וכבוד.** און די זעלבע מצבים גייען זיכער זיך איבערשפּילן אויך די קומענדיגע יאָר. דאָס איז דער סדר דאָ אויף דער וועלט! אויב אַזוי דאַרף זיין די שאלה: **וויאַזוי קען מען העלפן דאָס צו פאַרמיידן אויף שפּעטער?** מ׳דאַרף דאך טון אַ ריכטיגע תשובה מיט אַ ׳קבלה על העתיד׳, אַז מ׳זאָל באמת מער נישט דורכפאַלן. וויאַזוי באַווייזט מען דאָס?

## עפּעס רוקט זיך – אפילו אויב מען באַמערקט עס נישט

דער תירוץ איז: דער וועג וויאַזוי מלכיות זכרונות שופרות מעקט אויס קנאה תאוה וכבוד (עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכות דמים) איז ווען **דער מענטש באַמערקט דעם טעות וואָס האָט אים געברענגט צו דורכפאַלן**, און דער מענטש איז מסכים צו זאָגן ׳טעיתי׳ מיט אַן אמת. דעמאָלט רוקט זיך עפּעס, כאָטש ס׳איז נישט בטל געוואָרן דער נסיון, אָבער עפּעס האָט זיך גערוקט!

מיר האָבן אַלע געהערט אַלס קינד די מעשה וויאַזוי רבי עקיבא האָט געזען אַז **וואַסער טראָפּט אויף אַ שטיין, ביז דער שטיין איז געלעכערט געוואָרן.** ס׳איז דאָ אַ פּראָבלעם מיט זאַכן וואָס מיר האָבן געהערט אַלס קינד, אַז מ׳בלייבט מיט די קינדערישע הבנה און מ׳פאַרלירט די התפּעלות דערפון: ״אָה, יענע מעשה, אודאי, אַ באַקאַנטע מעשה״...

אָבער באמת ליגט דאָך אַזאַ טיפער דערהער אין דער מעשה: רבי עקיבא זעט וויאַזוי דאָס וואַסער האָט געמאַכט אַ לאך אינעם שטיין. **וואָס איז די עיקר לימוד וואָס רבי עקיבא לערנט אַרויס דערפון?** ביז יעצט איז ער געווען טויזנט פּראָצענט זיכער אַז די ערשטע טראָפּ וואַסער האָט גאָרנישט גערוקט. יעדער מענטש האָט שוין געזען וואַסער וואָס רינט ערגעץ און עס פּאַסירט גאָרנישט. ס׳איז דאָך זיכער אַז איין טראָפּ וואַסער ברענגט נישט קיין שום שינוי.

אָבער דאַן האָט רבי עקיבא געמאַכט דעם חשבון אַז אויב יעצט איז געוואָרן אַ לאך, **איז נתגלה געוואָרן למפרע אַז ס׳איז יאָ עפּעס געשען אויך ביים ערשטן טראָפּ!** אלא מאי, עס ווערט יאָ אַ שינוי, נאר ס׳איז אַזאַ קליינע טויש אַז אונזער גשמיות׳דיגע אויג קען דאָס נישט באַמערקן. אָבער די עיני שכל פאַרשטייען אַז די ערשטע טראָפּ האָט געמאַכט אַ שינוי אויך ביים ערשטן מאָל.

## מען מוז נישט גלייך זען קיין רעזולטאַטן

דאָס האָט באַוואויגן רבי עקיבא אַז ער זאָל גיין לערנען, אפילו נאָכ׳ן זיין אַן עם הארץ פאר פערציג יאָר, און אפילו נאָכ׳ן פיינט האָבן תלמידי חכמים מיט אַ מורא׳דיגע שנאה. פאַרוואָס? ווייל ער האָט געוואוסט אַז **מ׳דאַרף נישט זען קיין רעזולטאַטן גלייך ביים ערשטן יאָר.** דער פּלאַן איז לכתחלה אַז דאָס ערשטע יאָר גייט דורכגיין מיט גאָרנישט, אָבער **יעצט ווייס איך שוין אַז ס׳איז נישט ׳גאָרנישט׳!**

אַ מענטש האָט געעפנט אַ ביזנעס. די ערשטע יאָר האָט ער נאר דערלייגט; ער האָט אינוועסטירט אַסאַך געלט אין מאַרקעטינג, ער האָט געמאַכט עטליכע קאָסטבאַרע טעותים , ער האָט געדאַרפט אויפזאָגן עטליכע אַרבעטער ווייל זיי האָבן אים נאר געברענגט שאָדן. ער ענדיגט דאָס יאָר און ער מאַכט דעם חשבון: ״איך האָב יעצט מער חובות, איך האָב הונדערט פּראָצענט מער עגמת נפש, איך בין אַסאַך מער פאַרדרייט, און כ׳האָב אפילו אָנגעזעצט מיין שלום בית ווייל כ׳בין געווען אַזוי פאַרנומען מיט׳ן געשעפט. דאָס איז מיין סך הכל פונעם יאָר״.

וואָס איז אָבער דער אמת? אַז **דאָס איז דער מהלך אין ביזנעס!** דער מענטש האָט זיך געלערנט סיי בגשמיות און סיי ברוחניות פון די טעותים; ער האָט באַקומען מער אחריות, מער פאַרשטאַנד, מער ביטול און מער תפלה. **זיכער האָט ער זיך שטאַרק גערוקט דאָס יאָר.** ס׳איז אַ ספק בכלל? אויב ער לערנט זיך פון די טעותים האָט ער געמאַכט ערנסטע פאָרשריט! ער קען מאַכן אַ סך הכל פונעם ערשטן יאָר: **״איך האָב באַקומען ערפאַרונג צו פירן אַ געשעפט״**. דאָס איז דער אמת! ער איז יעצט אַ ביזנעס אייגנטומער מיט אַסאַך ערפאַרונג. ווען מ׳פרעגט אים: ״וויפיל יאָר ערפאַרונג?״ זאָגט ער: ״דער קישוי השעבוד האָט משלים געווען... דאַכט זיך מיר אַז כ׳האָב שוין אין דעם איין יאָר זיך געלערנט אויף יעדן סאָרט טעות וואָס אַ ביזנעס אייגטומער קען מאַכן.״ - ס׳הערט זיך ווי אַ ווערטל, אָבער די נקודה איז אמת.

## מ׳ווערט נאָנטער צום אמת

ווען אַ איד איז עוסק אין ׳מלכיות זכרונות שופרות׳ **טוט עס אויף זייער אסאך**, צו פארעכטן דעם שורש פון קנאה תאוה כבוד. ווייל ער לייגט יעצט ארויף ׳אמת׳ אויף זיין נשמה. **ער איז מחבר זיין נשמה צו תורה**, דורכ׳ן מקיים זיין די מצוה פונעם אויבערשטן וואָס זאָגט פאַר׳ן איד אַז **די חלקי התורה פון מלכיות זכרונות שופרות איז יעצט די בעסטע זאַך פאַר דיר!** דער מענטש איז עס מקיים מיט אַ שופר, מיט אַ טלית, מיט אַ ציבור,

> הייב אן גיין טרעפּ, שלעפּ שווערע זאַכן, אַז דאס חיות זאָל אָנקומען צו אַלע דיינע אברים וגידים.

ער לערנט די פסוקים, און השי"ת איז מבטיח אַז ס'גייט דיר ברענגען נאָנטער צום אמת, וואָס וועט דיר העלפן אויף שפּעטער!

ווען אַ איד קען די טייטש פון די פסוקים און ער דערהערט אַז דורכדעם גייט ער פאַררעכטן זיינע פּראָבלעמען, גייט ער אַרויס פונעם דאַוונען מיט אַזאַ פרייליכקייט, **ווייל ער גלייבט אַז ס'איז געשען!** ער קען ממש אַרויסגיין מיט אַ טאַנץ אַז ער האָט זוכה געווען. תתקבל צלותהון ובעותהון דכל בית ישראל! ער פאַרשטייט אַז ער האָט נישט בלויז מקיים געווען אַ מצוה, נאָר ער באַקומען אַ שטיקל אחיזה אין די תכלית וואָס די מצוה דאַרף טון מיט אים.

אודאי קענען מיר נישט פאַרשטיין אפילו אַן עק פון אַ פאָדעם פון די טעמי המצוות, ווייל ס'איז מיליאָנען מאָל העכער פון אונזער השגה, אָבער דער רבוש"ע גיבט אונז געוויסע חלקים וואָס מיר זאָלן יאָ פאַרשטיין, ער גיבט אונז הייליגע ספרים וואָס זאָלן אונז מסביר זיין, כדי אַז **ס'זאָל אונז ברענגען אַ התרגשות און אַ שמחה של מצוה** צו כאַפּן וואָס דאָ פּאַסירט.

## די נפש זוכט עפּעס

וואָס איז די סיבה פאַרוואָס ווערט אַ מענטש נכשל מיט קנאה, תאוה, אָדער כבוד? ס'איז נישט בלויז ווייל ער האָט פאַרגעסן די יסודות הדת און ס'איז נישט בלויז ווייל ער האָט נישט קיין אמונה אַז קיינער קען אים נישט צונעמען וואָס איז אים באַשערט. **ס'איז נישט נאָר צוליב דעם!** בשורש ליגט דאָ אַ טיפערע סיבה: אַז **די נפש פון אַ מענטש איז משתוקק**, ער איז הונגעריג און דאָרשטיג און פאַר'חלש'ט אויף עפּעס, און ער פּרובירט זיך אָנצופילן מיט די נישט גוטע הרגשים פון קנאה תאוה וכבוד!

אַז מ'טראַכט אַריין וועט מען זען אַז **דער גרעסטער נצרך אויף דער וועלט איז אַ מענטש!** צווישן אַלע ברואים פון 'דומם, צומח, חי' איז דער מענטש דער מערסט - הונגעריגער זאַך וואָס איז נאָר פאַראַן.

דאָס קומט צום אויסדרוק **גלייך נאָכ'ן געבורט.** ווען אַ פרישער צומח הייבט אָן וואַקסן איז ער גלייך מסודר, קיינער דאַרף אים נישט העלפן וואַקסן. ווען ס'ווערט געבוירן אַ בעל חי איז ער שוין מסודר עטליכע שעה שפּעטער. ער שפּאַצירט אַליין אויף די פיס, ער ווייסט שוין וויאַזוי מען עסט און וויאַזוי מ'גיט זיך אַן עצה, און ער גייט שוין ווייטער. **דער מענטש איז אַ נצרך שבנצרכים.** ער קען זיך ממש נישט קיין עצה געבן, ער דאַרף אָנקומען צו אַנדערע אויף טריט און שריט, מ'דאַרף אים פיטערן מיט אַ לעפל אין מויל. ער איז אַן ערנסטער נצרך.

## מ'דאַרף האָבן כבוד - פון אַ גוטע פּלאַץ

די גשמיות'דיגע מהות פונעם מענטש איז אַ סימן אַז **אויך דער נפש האדם איז אַ געוואַלדיגער נצרך.** השי"ת האָט באַשאַפן דעם מענטש אויף אַזאַ אופן אַז ער קען זיך נישט קיין עצה געבן אָן דעם אויבערשטן. דער פּראָבלעם איז נאָר אַז דער מענטש טוישט דאָס אויף צו די נישט ריכטיגע געפילן פון 'קנאה תאוה כבוד'.

צום ביישפּיל: **אַ מענטש דאַרף אָנקומען צו אמת'ע כבוד.** ער דאַרף שפּירן די ווערד פון זיין נשמה. דאָס איז פון די יסודות צו זיין נפשיות'דיג געזונט, צו קענען אָננעמען קריטיק און אָנגיין מיט'ן לעבן. ווען אַ מענטש ווייסט זיין אמת'ע חשיבות, ברענגט דאָס אים אַ רצון צו לערנען און שטייגן, ער איז נישט מיואש און צעקלאַפּט, און ער איז נישט פאַרנומען צו האַקן אויף אַנדערע...

מ'קען גלייך באַמערקן אויף געוויסע מענטשן וואָס דרייען זיך אַרום אַזוי שטאָלץ און ס'קוקט אויס ווי זיי זענען בעלי גאוה, אָבער **באמת זענען זיי די מערסטע צעבראָכענע מענטשן.** פאַרוואָס פאָדערט ער אַזויפיל כבוד? פאַרוואָס מוז ער זיין אַ מתכבד בקלון חבירו? וואָס האָט ער דערפון? זייער פשוט, ווייל **ער איז נישט מצליח זיך צו מתכבד זיין פון זיך אַליין,** דעריבער גייט ער אַרום און פּרובירט צו כאַפּן אַביסל כבוד פון 'קלון חבירו'. ווען ער קלאַפּט יענעם אַראָפּ קען ער אַביסל אָפּאָטעמען... אודאי דאַרף אַ מענטש וויסן זיין אייגענע ווערד, אָבער ס'דאַרף קומען פון אַ געזונטע פּלאַץ, נישט דורך אַראָפּקלאַפּן יענעם.

## מ'דאַרף האָבן תענוג - פון אַ גוטע פּלאַץ

די זעלבע זאַך איז לגבי שפּירן תענוג און רגש. **אַ מענטש קען נישט זיין אויף דער וועלט אָן שפּירן די סאָרט טיפע רגש!** ס'איז אַ חלק פון אונזער לעבן צו זיין אַ 'נצרך' אויף געפיל. איינער באַהאַלט עס בעסער, און איינער קען עס נישט אַזוי גוט באַהאַלטן, אָבער די נפש פון אַ מענטש דאַרף עס האָבן, אויף אַ געזונטן אופן.

דער מענטש קומט אַריין אַזוי שעמעדיג צו אַ מומחה, און ער רעדט זיך אויס: "איך בין פּראָבלעמאַטיש איך דאַרף האָבן אַסאַך רגש און תענוג". ר' איד, **איר האָט נישט קיין פּראָבלעם!** איר זענט בסך הכל אַ מענטש! **מ'דאַרף נאָר אַריינטראַכטן:** וויאַזוי מאַכט מען אַז די רגש זאָל גיין צום ריכטיגן פּלאַץ?! וויאַזוי מאַכט מען אַז די רגש זאָל דיר מעורר זיין צו שפּירן אמת'ע חיים?!

## מ'זוכט נאַרישקייט ווייל מ'איז דאָרשטיג

ווען אַ איד זאָל דערהערן דעם 'הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים'; ווען ער זאָל דערהערן דעם 'על כן המו מעי לו', **האָסטו דען אַ ספק אַז ער וועט נישט ווערן געזעטיגט?** דאָס דאַרף ער דאָך אַזוי שטאַרק! זיין גאַנצע מהות מוז דאָס האָבן! ער איז נישט קיין מענטש אויב ער באַקומט דאָס נישט, ער איז אַ צעבראָכענער כלי. **פאַרוואָס זוכט דער מענטש צו באַקומען תענוג פון 'בורות נשברים'?** בלויז ווייל ער וויל נישט קיין יראת שמים? דאָס איז נישט די גאַנצע מעשה!

לאָמיר זיך פאַרשטעלן אַז איינער געפינט זיך אין אַ מדבר וואו ער האָט נישט געטרונקען פאַר צוויי טעג, ער שפּירט יעדע סעקונדע ווי ער גייט אויס פאַר דאָרשט, און יעצט האָט ער אַ נסיון; ער האָט געזען אַ גלאָז וואַסער ביי יענעם, און ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, ער האָט עס גענומען און געטרונקען דערפון.

וואָס איז דאָ געווען די מעשה? דער מענטש איז אַ גנב? ער האָט נישט קיין יראת שמים? אַ נאַר וועט זאָגן: "מ'קען נישט וויסן פאַרוואָס ער האָט דאָס געטון, מ'דאַרף רעדן מיט מומחים, ער האָט אַ פּראָבלעם מיט גניבה"... דאָס איז די נושא? די נושא איז גאָר עפּעס אַנדערש: פאַרוואָס איז ער געווען אין מדבר צוויי טעג?! נאָכדעם וואָס ער איז אַזוי שטאַרק דאָרשטיג קען אוודאי פּאַסירן אַז ער זאָל דורכפאַלן. **וואָס דען האָסטו געטראַכט אַז ס'גייט געשען?!** מ'זאָגט נישט אַז ס'איז בסדר צו גנבן, אָבער די שאלה איז: **וואָס איז געווען די מעשה?**

## די נשמה מוז זיך זעטיגן פון הייליגע הרגשים

ביי די פסוקים פון מלכיות זכרונות שופרות, זאָגט דער אויבערשטער: **לאָמיר דיר מסביר זיין וויאַזוי אַ נפש פון אַ מענטש אַרבעט.** רבי לעבן, דו גייסט נישט קענען זיין אַ מסודר'דיגער מענטש אויב דו גייסט נאָר שפּירן אַ מינימום רגש. **איך בין דיר מבטיח אַז ס'גייט זיכער נישט אַרבעטן.** ווייסט פאַרוואָס? **ווייל דו ביזט נישט קיין דומם...** אַ דומם קען זיך אפשר אַן עצה געבן, אָבער אַ מענטש קען נישט לעבן פון אַזוי ווייניג רגש. יעדער בריאה דאַרף מען געבן צו עסן לויט זיין אייגנשאַפט.

יעדער בעל חי דאַרף האָבן זיינע ספּעציעלע מאכלים. ס'איז דאָ ספּעציעלע עסנוואַרג וואָס מען גיט פאַר אַ כלב און עסנוואַרג וואָס מ'גיט פאַר אַ לייב. פּונקט ווי יעדע בריאה דאַרף האָבן אַנדערע מזון, **אַזוי קענסטו נישט שפּייזן דעם נפש מיט אַ שוואַכע רגש!** אודאי גייט עס נישט אַרבעטן, וואָס איז געווען דיין שאלה בכלל?

דער אויבערשטער זאָגט: קום, לאָמיר דיר אָנווייזן, וויאַזוי דו קענסט אָנקומען צו אַ טיפע רגש פון תענוג וואָס וועט אָנפילן דיין נפש. די תענוג פון קרבת ה' איז דאָך אַזוי געוואַלדיג און אַזוי זיס. **דאָס איז וואָס דו דאַרפסט האָבן!** דאָס האָסטו געזוכט! דער פסוק רופט עס טאַקע אָן מיט'ן לשון: **והקימותי לך ברית עולם.** - עס האָט דעם זעלבן נאָמען 'ברית', ווייל ברית מיינט: 'אַ טיפער קשר'.

## דו ווילסט אַ גוטע זאַך, אָבער דו טוסט עס נישט ריכטיג...

אַמאָל הערט מען ווי אַ מענטש זינגט אַ ניגון אויפ'ן נישט ריכטיגן טאָן, און מ'וויל אים זאָגן: "איך מיין אַז כ'ווייס וואָס דו ווילסט זאָגן, אָבער דו זאָגסט עס נישט גוט"...

דער עיקר פגם פון אַן עבירה איז אַלעמאָל, אַז דיין נפש האָט אַ צורך, און דעריבער פּרובירסטו אָנצוקומען צו אַ געוויסע הרגש, אָבער **דו טוסט עס אויף אַן אומריכטיגן וועג.** דו כאַפּסט נישט וויאַזוי מ'טוט דאָס אויפ'ן גוטן אופן.

צום ביישפּיל: אַ מענטש וואָס ליידט אויף די מדה פון 'נצחון', ער מוז אַלעמאָל מנצח זיין יענעם אין אַ וויכוח. פאַרוואָס דאַרפסטו דאָס אַזוי וויכטיג? וואָס גייסטו האָבן דערפון? וואָס איז אַ חילוק וועער עס געווינט דעם וויכוח? אלא מאי, ווייל **דיין נפש**

**האָט אַ צורך זיך צו שפּירן גוט אַז דו ביזט געווען גערעכט!** והא ראיה, אַז אויב דו וועסט נישט האָבן פּאַר וועמען צו דערציילן אַז דו האסט געוואונען, איז עס גאָרנישט ווערד... אויב נאָך דעם וויכוח ביזטו געבליבן דער איינציגסטער אויף דער וועלט, וועסטו זיין אַזוי ברוגז, דו וועסט פּרובירן צו אויפוועקן יענעם: "פאַרוואָס ביזטו געשטאָרבן? איך האָב דיר געדאַרפט דאָ האָבן"...

### די תורה גיט די ריכטיגע מזון הנפש

אַלע מדות רעות קומען פון דעם זעלבן שורש: **דער מענטש זוכט צו באַקומען אַ געוויסע רגש אָנצופילן זיין נפש**, און בעצם איז דאָס אַ הייליגער רגש, נאָר ער כאַפּט נישט וואָס ער דאַרף באמת האָבן, און אַנשטאָט דעם פּרובירט ער זיך צו זעטיגן מיט נאַרישקייטן.

וועגן דעם ווערט די תורה אָנגערופן 'משיבת נפש'. **די תורה פּאַרציילט פּאַר'ן מענטש וואָס זיין נפש דאַרף אמת'דיג באַקומען.** דורך לערנען חומש רש"י, דורך עוסק זיין אין מאמרי חז"ל, און דורך זיך מתבונן זיין אין די הדרכות פון חז"ל, באַקומט דער מענטש צוביסלעך די יסודות הדת און ס'העלפט אים צו דערהערן 'וואָס ער דאַרף באמת האָבן'!

### טרעפן דעם פּנימיות'דיגן אור

קומט אויס אַז ווען אַ מענטש וויל מתקן זיין די פּגמים פון 'קנאה תאוה וכבוד', איז **נישט גענוג בלויז צו באַמערקן אַז ער האָט געמאַכט טעותים**, נאָר ער מוז אויך פאַרשטיין אַז זיין נפש איז משתוקק צו באַקומען דעם שלימות און דער אור וואָס איז דאָ ביי די אַלע דריי מדות.

דאָס הייסט אַזוי: קנאה תאוה וכבוד, זענען נישט קליפות וואָס מ'דאַרף פּטור ווערן דערפון און געענדיגט. **מ'דאַרף זיי מברר זיין!** די דריי מדות רעות פון קנאה, תאוה און כבוד, **זענען בעצם אַ לבוש פּאַר די הייליגע מדות פון 'אמונה, דביקות, און חיים'!** אַנשטאָט כבוד (עבודה זרה) דאַרף מען שפּירן **אמונה**, אַנשטאָט תאוה (גילוי עריות) דאַרף מען האָבן **דביקות**, און אַנשטאָט קנאה (שפיכות דמים) דאַרף מען האָבן אמת'ע **חיים**. דער מענטש זוכט עפּעס מזון פאַר זיין נשמה, און ליידער פאַלט ער אַריין אין די דריי סאָרט פּראָבלעמען פון קנאה תאוה וכבוד, אָבער באמת זוכט ער גאָר עפּעס אַנדערש. ער זוכט אמונה, דביקות און חיים.

### מברר זיין די אינערליכע שייכקייט

**חז"ל** זאָגן אַז דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט פאַר אברהם אבינו אַז זיינע קינדער וועלן ירש'ענען צען אומות, אָבער דערווייל האָבן אידן נאָר באַקומען די זיבן אומות, הכנעני החיתי וכו', און לעתיד לבוא וועט מען אויך מנצח זיין די אומות פון 'קיני קניזי און קדמוני', וואָס די דריי זענען נאָכנישט געקומען צו קיין תיקון.

זאָגן די ספרים הק' אַז די שלש אומות הטמאות זענען מרמז אויף קנאה תאוה וכבוד וואָס מ'דאַרף נאָך מברר זיין. וואָס מיינט מברר זיין? ווען מ'ווייסט אַז די קליפה איז בלויז דער לבוש וואָס נעמט אַרום דעם טוב, **מ'זעט דעם גוטן חלק וואָס ליגט דאָרט באַהאַלטן** און מ'וואַרפט אַוועק דעם שלעכטן חלק, **אַזוי בלייבט מען נאָר מיט דער שייכקייט דערפון.** און ווען אַ איד איז זוכה צו אויסלייזן זיין נפש פון די אַלע אַרומיגע לבושים, איז דאָס אַ בחינה פון **'ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים'** - אַלע חלקי הנפש וואָס זענען פאַרפאָרן קערן זיך צוריק!

ג

## ויהי בישורון מלך; די פּנימיות'דיגע הרגשה פון ראש השנה קען באַלייכטן אויפ'ן גאַנצן יאָר

### אַ תפלה צו גיין אויפ'ן גוטן וועג

ראש השנה איז מען זוכה צו חזר'ן פיר מאָל די הייליגע פסוקים פון 'מלכיות זכרונות שופרות', צוויי מאָל יעדן טאָג, ביי שטילע שמו"ע און ביי חזרת הש"ץ. וויאַזוי קען מען טאַקע אַרויסנעמען די גרעסטע תועלת דערפון? שטייט אין ספרים הק' אַז איינס פון די עצות איז: **דאָס צו זאָגן מיט אַ לשון תפלה.** בשעת מ'זאָגט די פסוקים, זאָל די רגש און השתוקקות זיין גע'טובל'ט מיט אַ תפלה אַז מ'זאָל טאַקע מצליח זיין צו באַקומען די קדושה דערפון.

אָבער די תפלה וואָס אַ איד בעט פונעם רבוש"ע איז נישט: "איך ווייס אַז כ'בין אַ משוגענער, העלף מיר פּטור ווערן פון דעם גאַנצן פּראָבלעם, איך זאָל קיינמאָל נישט וויסן דערפון". ניין, די תפלה דאַרף זיין: "איך ווייס אַז די תשוקה וואָס איך וויל אַזוי שטאַרק איז בעצם אַ הייליגע זאַך. **העלף מיר טרעפן דעם וועג אַז ס'זאָל אַרויסקומען און ס'זאָל נתברר ווערן אויפ'ן ריכטיגן אופן.**"

### מ'קען נאָכאַמאָל איבערלעבן אַן אַלטע געשעעניש

מ'זעט אַן אינטערעסאַנטע זאַך, אַז ווען אַ מענטש דערמאָנט זיך עפּעס וואָס ער האָט מיטגעלעבט, און ער רעדט דערוועגן מיט השתוקקות, **לעבט ער עס ממש נאָכאַמאָל איבער בשעת ער פאַרציילט דאָס.** ער באַקומט נאָכאַמאָל אַביסל פון דעם אור וואָס ער האָט געשפּירט בשעת מעשה.

צום ביישפּיל ווען אַ פּאַרצייטישער חסיד דערציילט מיט זאַפט וויאַזוי ס'האָט אויסגעקוקט אַ שבת אָדער אַ יום טוב ביי פריערדיגע צדיקים - מ'רעדט נישט ווען ער דערציילט בלויז די אַרומיגע חיצוניות'דיגע פּרטים מיט שטותים, נאָר אַ שטייגער ווי דער ספר פון הגה"צ רבי משה וואָלפסאָן זצ"ל אויפ'ן סאַטמאַרער רב זי"ע - ס'איז דאָך אַזוי 'זבת חלב ודבש', וויאַזוי אַן ערליכער איד רעדט מיט געוועים און ברענגט אַרויס נקודות פון אור. **ער לעבט ממש נאָכאַמאָל איבער דעם זעלבן ליכטיגקייט!**

מ'זעט טאַקע אַז מענטשן האָבן אַ געוויסע תענוג פון זיך דערמאָנען זכרונות וואָס זיי האָבן אַמאָל מיטגעלעבט, ווייל ווען מ'גייט צוריק און מ'דערמאָנט זיך די אַלטע צייטן, **שפּירט מען עס נאָכאַמאָל**, מ'לעבט עס איבער.

**אַ מענטש קען נישט זיין אויף דער וועלט אָן שפּירן די סאָרט טיפע רגש!**

### איבערלעבן מתן תורה און מי המבול

דערפאַר האָט דער אויבערשטער אונז געגעבן אַ מצוה צוריקצוגיין און זאָגן: 'קום, לאָמיר נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן וואָס איז געווען. לאָמיר נאָכאַמאָל דערציילן און מיטלעבן וואָס האָט פּאַסירט בשעת מתן תורה'. מען דערמאָנט זיך אַז דער אויבערשטער האָט זיך מגלה געווען אין דער בריאה: **אתה נגלית בענן כבודך**, כאַפּסט וואָס איז געווען דעמאָלט? אַלע חושים האָבן מיטגעאַרבעט, סיי די שמיעה און סיי די ראיה. **בקולות וברקים עליהם נגלת ובקול שופר עליהם הופעת.**

ווען מען דערציילט דאָס, וועקט דאָס אויף ביים מענטש אַ געוויסע געפיל פון השתוקקות, נישט נאר באופן סגולי, **נאָר ער גייט יעצט באמת דורך עפּעס!** ס'גייט אַריין טיף אין זיין פּנימיות, ווייל זיין נפש שפּירט עס בפועל ממש.

די זעלבע איז ביי די פסוקים פון זכרונות: דער אויבערשטער וויל אַז מ'זאָל זיך דערמאָנען אַז ס'איז געווען אַ הנהגה פון מדת הדין, און די וועלט האָט נישט געקענט האָבן קיין קיום אויף דעם אופן. דעריבער האָט געדאַרפט נתעורר ווערן דער ענין פון 'שיתף מדת הרחמים'. און דער אויבערשטער האָט געדענקט די בריאה. **ויזכור את כל חי ואת כל הבהמה אשר אתו בתיבה, וישוכו המים**, ווי רש"י זאָגט אַז ס'איז מלשון 'חמת המלך שככה'.

דער אויבערשטער זאָגט: ווען דו וועסט חזר'ן די פסוקים, **וועט עס דיר דערמאָנען די נאָנטע**

שייכות וואָס מיר האָבן. **דאָס וועט מעורר זיין דעם אמת'ן בטחון וואָס אַ איד קען שפּירן.**

## ראש השנה איז בעצם אַ זמן פון אמירת הלל

ס'איז דאָ אַ מורא'דיגער **שפת אמת** אויף דער גמרא (ראש השנה לב, ב) אַז די מלאכי השרת האָבן געפרעגט "רבוש"ע, מפני מה אין ישראל אומרים שירה לפניך בראש השנה וביום הכפורים?" האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט אַז 'ספרי חיים וספרי מתים פתוחין', און דערפאַר קען מען נישט זאָגן קיין שירה.

זאָגט דער שפת אמת: לערן גוט די גמרא, **ס'שטייט דאָ אַז בעצם פאָדערט זיך צו זאָגן הלל ראש השנה!** נאר ס'איז דאָ אַ טעכנישע פּראָבלעם, אַז מ'קען נישט ממש זאָגן מיט'ן נוסח פון הלל, ווייל ספרי חיים וספרי מתים פתוחים, אָבער **מצד דעם טאָג פון ראש השנה, איז עס אַ יום טוב!**

## דער חילוק פון 'תהלה לדוד' און 'הלל'

באמת זאָגט מען יעדן טאָג דעם קאַפּיטל פון **'אשרי - תהלה לדוד'** וואו מען לויבט דעם אויבערשטן אויף אַלע זיינע חסדים. אָבער ווען ס'קומט יום טוב איז דאָ אַ באַזונדערע שבח פון 'אמירת הלל', וואָס מ'זאָגט נישט יעדן טאָג.

דער טעם דערפון איז, ווייל 'הלל' ברענגט אַרויס **די הנהגה וואָס דער אויבערשטער פירט זיך מיט אידישע קינדער בדרך נס,** למעלה מדרך הטבע. אין אַ געוויינליכן טאָג איז דער סדר צו לויבן דעם אויבערשטן **אויף די חסדים וואָס קומט אַרומגענומען מיט לבושים,** אָבער דאַן זענען דאָ ספּעציעלע זמנים ווען ס'איז געווען אָפּענע נסים, און דעמאָלט פאַרציילט מען די הנהגה פון השי"ת בדרך נס, וויאַזוי ער דרייט אַרום די גאַנצע טבע: הים ראה וינוס, ההרים תרקדו כאילים וכו'.

אייגנטליך איז דאָס אַלעמאָל אמת, נאר **אין אַ געוויינליכן טאָג איז מער פּאַסיג צו דאַנקן אויף די נסים וואָס קומט מיט אַ לבוש פון טבע,** 'ועזוז נוראותיך יאמרו וגדולתך אספרנה'. און ס'איז דאָ טעג ווען ס'איז מער פּאַסיג אַז מ'זאָל דאַנקן אויף די נסים שלא כדרך הטבע.

ראש השנה איז בעצם פּאַסיג אַז **מ'זאָל דאַנקן דעם רבוש"ע אויף שינוי סדרי בראשית!** מ'זאָגט טאַקע נישט קיין הלל אָבער אַ מענטש קען עס טראַכטן אין זיין האַרץ, ער קען עס אַרויסזאָגן אין תהלים: "איך האָב נישט געהאַט קיין שום אַנונג וויאַזוי דער נס קען פּאַסירן אַז מיין נשמה זאָל באַקומען די ריכטיגע הרגשים, און דער אויבערשטער האָט געהאָלפן". ווען אַ איד האָט אַזאַ התבוננות, ברענגט ער אַרויס די נשמה פונעם טאָג. דאָס וויל דער רבוש"ע אַז מ'זאָל טון ראש השנה: **מ'זאָל געבן פּאַר אונזער נשמה די ריכטיגע הייליגע הרגשים.**

## די עצה פאַר'ן קינד וואָס שפּירט זיך ווי אַ דורכפאַל

די מחנכים זאָגן אַז אַ קינד וואָס איז געזיצן אין אַ כתה וואו ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט וואָס מ'לערנט - צי ווייל ער האָט געהאַט קאָנצענטראַציע פּראָבלעמען, אָדער צוליב אַנדערע סיבות - ער איז פּשוט געזיצן און געקוקט אויף'ן דאַך, **איז דאָס אַליין אַ טיפע טראָומאַ,** אפילו אויב קיינער האָט אים נישט פאַרשעמט, און קיינער האָט אים נישט אַרויסגעוואָרפן! בלויז די עצם זאַך אַז דאָס קינד קוקט זיך צו וויאַזוי יעדער איז מצליח און ער קען גאָרנישט, ברענגט אים אַ טיפע געפיל פון צעבראָכנקייט. **זיין מח מאַכט מסקנות אַז ער איז אַ דורכפאַל,** ער באַקומט געוויסע נעגאַטיווע הרגשים צוליב די טיפע ווייטאָג וואָס ער איז דורכגעגאַנגען.

זאָגן די מחנכים אַז פאַר אַזאַ קינד איז נישט גענוג ווען מ'איז אים מחזק מיט שיינע ווערטער, ווייל **ער קוקט זיך אָן ווי אַ דורכפאַל.** שפּעטער זאָגט מען אים: "זאָלסט וויסן, דו ביזט ממש אַ צדיק"... יישר כח, אָבער ס'גייט נישט צופיל העלפן. דאָס קינד קען אפילו האָבן גאָר וואַרימע עלטערן און מלמדים וואָס געבן אים אַסאַך חיזוק, אָבער נישט דאָס איז די נקודה.

די בעסטע עצה איז צו מאַכן **אַז ער זאָל זיך שפּירן ווי אַ מוצלח!** מ'קען פּרובירן לערנען מיט אים אַ גרינגען פּרק משניות אַז ער זאָל שפּעטער מאַכן אַ סיום דערויף, אָדער זאָל מען אים העלפן מיט אַנדערע סאָרט הצלחות, דער עיקר אַז **ער זאָל שפּירן אַן אמת'ע תענוג פון מצליח זיין.** דעמאָלט האָסטו עפּעס אויפגעטון, ווייל דאָס גיט אים דעם געפיל אַז ער איז יאָ אַ מוצלח.

דער רבוש"ע זאָגט אונז ראש השנה: זינג צו מיר, זיי מיר ממליך מיט'ן שופר, און ברענג אַרויס דיינע בקשות. **איך וויל אַז דו זאָלסט שפּירן אַביסל די אמת'ע תענוג וואָס איז פאַרקערט פון קנאה תאוה וכבוד.** פון די סיבה פאַרוואָס דו ווילסט קנאה תאוה וכבוד. **זיי זיך מתבונן אין דעם 'אשרי איש שלא ישכחך ובן אדם יתאמץ בך'.** דו ווייסט ווי געשמאַק דאָס איז? ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך. די אַלע וואָס הענגען זיך אָן אויף'ן רבוש"ע וועט ער זיי נישט פאַרלאָזן. **לעב דאָס מיט, שפּיר עס.** שפּעטער וועלן מיר זען וואָס מ'טוט מיט דעם רגש אַגאַנץ יאָר, מ'דאַרף נאָך אַרבעטן אויף זיך, אָבער **ראש השנה האָסטו אַריינגענומען אין זיך דעם טעם דערפון,** האָסט כאָטש געשפּירט דעם טעם פון אמת'ע חיים!

זיי זיך מתבונן אין דעם 'אשרי איש שלא ישכחך ובן אדם יתאמץ בך'. דו ווייסט ווי געשמאַק דאָס איז?

## אהבת ישראל - אַ חלק פונעם עבודת היום

איינס פון די זאַכן וואָס קומען אַרויס ראש השנה, איז **די אהבה און אחדות צווישן אידישע קינדער.** ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם. מ'קומט זיך צוזאַמען און מ'טרעפט זיך מיט אַנדערע אידן, צומאָל איז דער 'ברוב עם הדרת מלך' אַזוי גרויס אַז ס'איז שווער צו באַגעגענען יעדן איינעם, אָבער למעשה טרעפט מען זיך מיט אַלטע ידידים א.ד.ג. און אויב מ'טוט דאָס אויף'ן ריכטיגן אופן, קען דאָס אויפוועקן אַ טיפע אהבת ישראל. און דאָס אַליין איז אַ מורא'דיגע עבודה.

ס'איז נישט סתם אַ 'דרך אגב', אַז וויבאַלד איך בין געקומען צופאָרן, צוליב דעם האָב איך שוין אויך געטראָפן אַנדערע אידן, ניין, ביי חסיד'ישע אידן, געווייקטע עובדי ה', האָט מען געזען אַז די **נקודה אַליין איז אַ גרויסער חלק פונעם עבודת היום.** ווען זיי האָבן זיך אַרומגענומען: "אָה, שלום עליכם וואָס מאַכסטו? כ'האָב דיר שוין אַזוי לאַנג נישט געזען"... **איז דאָס געווען ממש אַן עבודה.** נישט בלויז ווייל ס'איז אַ מצוה פון אהבת ישראל, און נישט בלויז אַלס די סגולה דערפון, נאר ווייל דורכדעם שפּירט מען אַ געזונטע הרגשה בלבב, מען שפּירט **דעם טוב וואָס איז דאָ אין אַ איד.** דו פּראַוועסט יעצט ראש השנה.

## ראש השנה דאַרף מען זיך לאָזן שפּירן

על כל פנים, ראש השנה דאַרף מען אַביסל שפּירן די אמת'ע הרגשה פון חיים. **דאָס איז אַ געוואַלדיגע רפואה פאַר אַלע שלעכטע הרגשים פון קנאה תאוה כבוד.** דאָס מיינט נישט אַז ס'גייט נישט נאָכאַמאָל זיין נסיונות, ס'איז אָבער אַזוויוי דער טראַפּ וואַסער אויף'ן שטיין; ס'וועט געדויערן צייט, מען וועט עס נאָכאַמאָל דאַרפן איבער'חזר'ן און מ'וועט זיך דאַרפן נאָכאַמאָל דערמאַנען. אָבער למעשה האָסטו יעצט עפּעס דערהערט.

אַזוויוי אַ מענטש זאָגט אַמאָל: "איך האָב שוין געפרעגט אַזויפיל מענטשן די שאלה, איך האָב שוין געקוקט אַזויפיל ספרים, ס'איז די ערשטע מאָל וואָס איך האָב דערהערט און געכאַפּט די נקודה". נו, מיינט דאָס יעצט אַז ס'איז בטל געוואָרן דער יצר הרע? ניין, **מ'גייט דאַרפן ווייטער אַרבעטן. אָבער עפּעס איז געשען.** ס'האָט זיך עפּעס גערוקט אינעם נפש.

אַ איד דאַרף פּרובירן צו שפּירן די הייליגע הרגשים פון מלכיות זכרונות שופרות. לערן דעם טייטש פונעם מחזור, קוק אַריין אין אַ מחזור מיט איין סאָרט פּירוש און אין אַ צווייטע מחזור מיט אַן אַנדערן פּירוש. **לאָז זיך שפּירן!** צומאָל איז מען אַזוי בלחץ ווייל מ'האָט נאָכנישט געענדיגט תהלים וכדומה, אַז מ'פאַרגעסט צו שפּירן דעם יום טוב. אודאי איז תהלים זייער חשוב, אָבער לאָז זיך אויך גיין צו אַ פּלאַץ וואו דו זאָלסט קענען שפּירן דעם חיים פון ראש השנה! ▪

# תקיעת שופר

## רחמנא אמר תקעו;

דער כח פונעם שופר אַריינצוברענגען הכנעה אין אידישע הערצער

יום ג׳, כ״ו אלול תש״פ

א

# כי חק לישראל הוא; זיך מחבר זיין צו אַ מצוה מיט דער פּשוט׳ער כוונה - לקיים רצון השי״ת

### פאַרשטיין די טעמי המצוות ברענגט אַ חיבור דערצו

ס׳איז דאָ אַ גרויסע עבודה, וואָס אַ איד דאַרף אַרבעטן דערויף אַ גאַנץ לעבן, אַז **בשעת מ׳איז מקיים אַ מצוה, זאָל מען זיין מקושר און מחובר צו דער מצוה**, אַז ס׳זאָל געטון ווערן מיט מער נשמה און מיט מער אינערליכע חיות.

בדרך כלל איז דער מציאות, אַז ווען דער מענטש האָט אַ שטיקל הבנה אין דער מצוה, ער פאַרשטייט די טעמי המצוות וואָס ווערן געברענגט אין חז״ל, מאַכט דאָס אַז **ער זאָל שפּירן אַ נאָנטערע שייכות צו דער מצוה.** נישט בלויז ווייל דער טעם המצוה ברענגט אים אַ התרגשות, נאר בעיקר ווייל **די הבנה העלפט אים זיך צו קענען מחבר זיין** און שפּירן אַ וואַרעמקייט צו דער מצוה.

### הבנה אינעם מח איז די גרעסטע סאָרט שייכות

דער הייליגער **בעל התניא** איז מסביר (ליקוטי אמרים פרק ה׳) אַז ווען אַ מענטש פאַרשטייט עפּעס מיט זיין מח, **איז דאָס די גרעסטע סאָרט חיבור וואָס ס׳איז שייך צו האָבן מיט דער זאַך!**

ווען אַ מענטש האַלט אַ חפצא של מצוה, האָט ער טאַקע אַ שטיקל חיבור דערצו, ווייל ער כאַפּט עס אָן שטאַרק, אָבער ס׳איז דאָ אויך דאָ נאָך אַ העכערע שטאַפּל, ווען ער גייט אַריין אין דער סוכה מיט אַלע רמ״ח אברים, דעמאָלט האָט ער אַ נענטערן חיבור צו דער מצוה, אָבער די העכסטע דרגא איז ווען דער מענטש האָט אַ השגה אין אַ מצוה, ער טראַכט אין זיין מחשבה דערפון, איז דאָך נישטאָ קיין שום הפסק צווישן די מצוה מיט׳ן מענטש. ער איז מחובר צו דער מצוה מיט׳ן גרעסטן חיבור וואָס איז נאָר שייך. ס׳איז נישט צוויי זאַכן וואָס זענען איינער נעבן דעם צווייטן, נאר **די מצוה ווערט ממש איין זאַך מיט׳ן מענטש אין זיין מח.**

אפילו אין דער גשמיות׳דיגער וועלט זעט מען אַז ווען אַ מענטש טראַכט וועגן עפּעס גאָר שטאַרק, **ווערט דאָס איינגעקריצט אין זיין מח**, און יאָרן שפּעטער קען ער דאָס נאָך געדענקן, ווייל ס׳ווערט ממש אַ חלק פון זיין מהות.

קומט אויס, אַז ווען מ׳איז מקיים אַ מצוה נאָכדעם וואָס מ׳לערנט און מ׳פאַרשטייט די טעמי המצוות פון חז״ל, פון די ראשונים, אָדער פון די שפּעטערדיגע ספרי קודש וואָס זענען מסביר די טעמים דערפון, **גיט דאָס אַ געוואַלדיגע שלימות אין דעם קיום המצוה.** אין צוגאָב צו די מעשי המצוה מיט די הענט, איז מען אויך מקיים די מצוה מיט׳ן מח, **וואָס דאָס איז די שטאַרקסטע חיבור צו דער נשמה.** אויטאָמאַטיש שיינט די מצוה אַריין אַ ליכטיגקייט צו נתקרב ווערן צום אויבערשטן.

### מ׳קען האָבן דעם זעלבן חיבור מיט אַ מצוה וואָס איז אַ ׳חק׳

אָבער גלייכצייטיג זענען פאַרהאַן אַזעלכע מצוות וואָס זענען אַ **׳חק׳**, אַזויווי פּרה אדומה, שעטנז, וכדו׳, וואָס אַ בשר ודם קען נישט פאַרשטיין דעם טעם דערפון, ווי חז״ל זאָגן: **גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה.**

לכאורה וואָלט מען געקענט טראַכטן אַז אודאי איז זייער חשוב אַזאַ סאָרט מצוה, און מען באַקומט די שכר און די תועלת וואָס איז דאָ ביי דעם ענין פון אַ חק, אָבער פון דער אַנדערער זייט **פעלט דערביי דער טיפער חיבור פונעם מח מיט דער מצוה**, ווייל מ׳ווייסט דאָך נישט קיין טעם.

דאָס איז אָבער אַ טעות, ווייל ווען אַ איד איז מקיים אַ חוק מיט׳ן ריכטיגן צוגאַנג, דעמאָלט איז נישט בלויז אַז ער פאַרלירט גאָרנישט, נאר פאַרקערט, **ער פאַרדינט פון ביידע זייטן!** ער באַקומט סיי די מעלה פון מקיים זיין אַ מצוה וואָס מ׳פאַרשטייט דעם טעם, און סיי די מעלה פון מקיים זיין אַ ׳חק׳ וואָס איז אַ גזירת שמים.

### דער עיקר איז דער קשר מיט׳ן מצוה

פאַרוואָס טאַקע? ווייל דער חיבור פונעם מח מיט דער מצוה **מוז נישט זיין דוקא דורכדעם וואָס מ׳ווייסט די טעמי המצוה!** דער עיקר חיבור איז **ווען דער מח איז אינגאַנצן פאַרטון און אַריינגעלייגט אין דער מצוה.** נאר היות אַז צומאָל איז שווער אַז דער מענטש זאָל זיין אינגאַנצן דערביי, דעריבער האָבן אונז חז״ל מגלה געווען די טעמי המצוה, וואָס זענען אַזויווי אַ הענטל וואָס מאַכט גרינגער אַז מ׳זאָל האָבן אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן כדי אַז דער מח זאָל זיין מחובר צו דער מצוה. ווען די מחשבה האָט וואָס צו טראַכטן קען מען זיך לייכטער מחבר זיין צו דער מצוה.

אָבער אויב אַ מענטש איז מצליח בסייעתא דשמיא זיך צו מקשר זיין צו דער מצוה, ער שפּירט באמת דעם ׳רחמנא אמר תקעו׳: ״דער אויבערשטער האָט מיר געהייסן דאָס טון, און **כ׳בין זיך מבטל פאַר אים.** איך ווייס טאַקע נישט די סיבה דערצו, איך ווייס נישט קיין שום חשבון בכלל, אָבער **כ׳בין זיך מקשר מיט דער מחשבה אַז איך וויל טון דעם רצון פונעם אויבערשטן**״. דעמאָלט איז זיכער בלי ספק אַז זיין מח איז מחובר צו דער מצוה, **פּונקט ווי ער וואָלט געוואוסט דעם טעם דערפון**, און צומאָל נאָך אפילו מער ווי אַן אַנדערער וואָס ווייסט יאָ די טעמי המצוה.

### וואָס מיינט ׳הבנה׳?

מ׳קען דאָס מסביר זיין מיט אַ פּשוט׳ן משל: יעדער וואָס האָט געלערנט אין ישיבה קטנה, לויט דעם אויסשטעל פון די היימישע ישיבות, געדענקט דעם סאָרט מציאות אַז ס׳איז דאָ אַמאָל אַ בחור וואָס קען איבערזאָגן דעם גאַנצן שיעור בעל פה, די קשיא, די תירוץ, און בעיקר די אחרונים, די לומדות, רבי שמעון שקאָפּ א.א.וו. אָבער ווען מ׳הערט אים אויס, זעט מען אַז ער רעדט ממש ׳משפה ולחוץ׳, דער בחור האָט טאַקע אַ ׳הונדערט׳ אויף זיין בחינה, אָבער **ער פאַרשטייט בכלל נישט וואָס ער האָט געזאָגט!** און צומאָל איז ניטאַמאָל שייך אַז ער זאָל עס פאַרשטיין מיט אַ טיפע הבנה, ווייל ער האָט נאָך בכלל נישט קיין השגה אין די לומד״ישע מושגים פון וואָס ער רעדט.

פון דער אַנדערער זייט קען אַמאָל זיין אַ בחור׳ל וואָס זאָגט איבער אַ שטיקל גמרא מיט רש״י אָן קיין זייטיגע לומדות, אָבער ער זאָגט עס דאָך מיט אַזאַ געשמאַק... ס׳איז אַזוי זיס, אַז מ׳קען פּשוט אַרויסגיין פון די כלים. דער בחור פאַרשטייט גוט וואָס ער זאָגט, **ער לעבט דערמיט**, כאָטש ער נעמט עס נישט אַרום מיט נאָך מראי מקומות און ציצים ופרחים...

דער פּשט דערפון איז, אַז **הבנה האָט גאָרנישט צו טון מיט אַסאַך כמות!** הבנה האָט צוטון מיט וויפיל דער מענטש דערהערט די נשמה פון דער זאַך וועגן וואָס מ׳רעדט. **אַז מ׳האָט עס, האָט מען עס, און דעמאָלט דאַרף מען נישט צולייגן דערצו אַלע ערליי הוספות.** ער איז דערביי. פאַרקערט, אויב איינער האָט עפּעס גוט אַרויס, שפּירט ער אַ בחינה פון ׳כל המוסיף גורע׳: ״לאָז אָפּ אַלע זייטיגע זאַכן. איך לעב מיט דער זאַך אַליין״. פאַרשטייט זיך אַז נאָכדעם וואָס מ׳האָט אַ גוטע הבנה קען מען צולייגן נאָך אַביסל כמות וואָס דאָרט זאָל מען אויך האָבן אַ גוטע הבנה, א.א.וו. אָבער ווען דער מושג פון ׳זיין מחובר צו אַ זאַך׳ מיינט: **ווי טיף מ׳האָט אַרויס די פּינטל דערפון.**

### ׳טיף׳ מיינט אַ טיפקייט אינעם פּשטות

די ריכטיגע אָפּטייטש פון דאָס וואָרט ׳טיף׳ איז צום באַדויערן פאַרדרייט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. מענטשן מיינען בטעות אַז דאָס מיינט ׳אַ טיפע סברא׳, אָדער ׳אַ טיפע פּלפּול׳. אַסאַך מאָל ווען מ׳הערט ווי איינער זאָגט: ״כ׳וועל דיר זאָגן אַ טיפע הבנה אין דעם ענין״, ווייסט מען גלייך אַז נישט בלויז גייען די צוהערער נישט פאַרשטיין וואָס ער זאָגט,

נאָר ער אַליין פאַרשטייט אויך נישט וואָס ער זאָגט...

דער אמת'ער באַדייט פון 'טיף' מיינט אַז **מ'איז זיך אַזוי שטאַרק מחבר צו דעם פשטות, ביז עס דרייט אינגאַנצן איבער דעם מענטש.** דאָס הייסט טיף! אַזיווי מ'גראָבט און מ'גראָבט צו טרעפן אַ קוואַל פון קוועלעדיגע וואַסער. **מ'גראָבט אין דער זאַך אַליין,** נישט אין אַרומיגע חקירות, נאר מ'גראָבט אין דעם אייגענעם הארץ און דורכדעם ווערט מען שטאַרקער און טיפער מחובר צו דעם פשטות הדבר.

## נישט אַוועקלויפן פונעם פשטות

קומט אויס, אַז אפילו ווען מ'איז מקיים אַ 'חק' **קען מען זיין גאָר שטאַרק מחובר צו דער מצוה!** מ'דאַרף נישט האָבן קיין הבנה אין די טעמי המצוות כדי צו ווערן מחובר, מ'קען זיך אויך מחבר זיין דורך די פשוט'ע מחשבה: **"איך טו דאָס ווייל דער אויבערשטער האָט מיר געהייסן און כ'בין זיך מבטל צו זיין רצון".**

דעריבער, ווען מ'איז עוסק אין די טעמים פון אַ מצוה, דאַרף מען זיך אַכטונג געבן. ווייל געווענליך איז עס טאַקע אַ הילף אויב מ'ווייסט די טעמי המצוה, עס העלפט אַז מ'זאָל זיך קענען דורכדעם מחבר זיין מיט דער מצוה, אָבער **אַמאָל קען זיין פאַרקערט,** אַז דוקא ווייל מ'לערנט די טעמי המצוות **מאַכט עס ווייניגער דעם חיבור המח צו דער מצוה.**

צומאָל לערנט דער מענטש די טיפע טעמים און רמזים וואָס שטייט אין זוהר הק' און אין כתבי האריז"ל, און ס'דאַכט זיך אים אַז ער איז זיך דורכדעם מחבר צו דער מצוה, אָבער למען האמת ווערט ער נישט מקושר צו דער מצוה, נאָר ער ווערט גאָר דערווייטערט דערפון, ווייל **ער איז פאַרנומען מיט השגות וואָס זענען בכלל נישט אין זיין דרגא.** ער שפירט כאילו ער איז מחובר צו דער מצוה ווייל ער קען דאָך די אותיות מיט די גימטריאות וכדומה, אָבער ער **זאָגט עס איבער אָן קיין שום פנימיות'דיגע חיבור!** ער איז פאַרנומען מיט זייטיגע ענינים, וואָס מאַכט אים פאַרגעסן פון זיין פשטות'דיגע קשר מיט'ן רבוש"ע.

## די סכנה פון 'חכמתו מרובה ממעשיו'

דאָס איז איינס פון די סיבות פאַרוואָס צדיקים האָבן אַזוי אַכטונג געגעבן, אַז ווען מ'איז מקיים אַ מצוה **זאָל נישט זיין 'חכמתו מרובה ממעשיו'.** ווייל דער גאַנצער תכלית איז דאך, אַז **דער מענטש זאָל זיין מחובר צו דער מצוה,** דאָס וועט אים מקרב זיין צום אויבערשטן, און דעמאָלט האָט די מצוה אַ השפעה אים אָפּצוהיטן פון אַן עבירה שפּעטער. אָבער ווען דער מענטש איז אין אַ מצב פון 'חכמתו מרובה ממעשיו', דעמאָלט **איז ער צו שטאַרק פאַרנומען מיט די אַרומיגע חכמה און די זאַך אַליין האָט ער נישט אַרויס.**

מ'קען דאָס זען אפילו להבדיל ביי די גשמיות'דיגע חכמות העולם: אַסאַך מאָל איז דאָ מענטשן וואָס לערנען זיך אַ קורס אין אַ געוויסע געביט, ער רעדט און רעדט וועגן דעם נושא אָבער **מ'זעט זייער קלאָר אַז ער האָט נישט קיין מושג בחייכון וביומיכון וואָס ער רעדט.** דוקא ווייל ער פאַרשטייט נישט, דאַרף ער רעדן אַזויפיל איבעריגע ווערטער...

ענליך קען מען זען ביי יונגע בחורים וואָס ענטפערן אויף אַ בחינה בכתב, אַז ווען אַ בחור ווייסט נישט די תשובה אויף אַ שאלה, שרייבט ער לאַנגע שורות מיט אַסאַך ווערטער... ער שרייבט און שרייבט, און ער האָפט אַז ערגעץ וואו אינמיטן וועט דער בוחן טרעפן עטליכע ווערטער וואָס וועט אויסקוקן אַז דער בחור ווייסט יאָ כאָטש אַ חלק פון דער תשובה... לאידך גיסא ווען איינער קען גוט די תשובה, **קען ער עס אָפּשרייבן אין דריי ווערטער.** ער דאַרף נישט גיין אַרום און אַרום!

צדיקים האָבן געוואָלט אַז ווען מיר זענען מקיים די מצוות זאָל מען שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף 'חכמתו מרובה ממעשיו'. **דער עיקר זיי זיך מתבונן: "וואָס וויל דער אויבערשטער פון מיר יעצט?"** שפּעטער, נאָכדעם וואָס מ'איז שוין מחובר צו דער מצוה, **וועט מען שוין אויטאָמאַטיש פאַרשטיין נאָך טעמים,** מ'וועט ווערן אַ 'מבין דבר מתוך דבר' און דערהערן נאָך טיפער די טעמי המצוה.

## מ'דאַרף גוט אָפּלערנען די פשטות

ווען ס'קומט דער יום פון ראש השנה זענען דאָ מענטשן וואָס **ווילן לערנען און הערן טיפע טעמים אויף די מצוה פון תקיעות שופר.** לכאורה שטייט דאך אין יעדן מחזור די צען טעמים פון רבי סעדיה גאון, אָבער דער מענטש איז נישט צופרידן, ער וויל לערנען עפּעס טיפער.

באמת קומט דער ביקוש פון אַ הייליגע פלאַץ אין אַ אידישע הארץ: "מ'גייט מקיים זיין אַ מצוה, איך וויל ווערן מחובר דערצו, איך וויל וויסן וואָס מ'טוט דאָ, אַז ס'זאָל נישט זיין סתם אַ מצוות אנשים מלומדה", אָבער מ'דאַרף אַריינטראַכטן, **פאַרוואָס ווערט מען נישט גענוג איבערגענומען פון די פשוט'ע טעמים וואָס שטייט אינעם מחזור?** לאָמיר געדענקן, אַז אויב מ'לויפט גלייך צו העכערע זאַכן, קען דאָס זיין אַ פּראָבלעם פון 'חכמתו מרובה ממעשיו'.

ב

# ה' באור פניך יהלכון; אַלע מצוות האָבן איין תכלית, צו מקרב זיין אידישע קינדער צו אבינו שבשמים

## די שווערigקייט

## די שוועריגקייט זיך מחבר זיין צום טעם המצוה

ווען מ'איז זיך מתבונן וועט מען זען, אַז די מצוה פון תקיעת שופר איז פון די מצוות וואָס זענען אַביסל שווער זיך צו מחבר זיין צו דעם טעם המצוה, ווייל **מ'פאַרשטייט נישט געהעריג דעם פשוט'ן טעם דערפון.** דערפאַר זעט מען אַז ווען מ'וויל רעדן פון מצות תקיעת שופר לויפט מען צומאָל גלייך צו די הויכע ענינים וואָס ליגט דערינען, אַז השי"ת שטעלט זיך אויף דעם כסא דין און זעצט זיך אויף דעם כסא רחמים, א.א.וו. אַנדערש ווי אַנדערע מצוות שכליות, צום ביישפּיל כיבוד אב ואם, וואָס מ'קען יאָ פאַרשטיין און זיך גרינגער מחבר זיין צו די פשטות'דיגע טעם דערפון.

ווען מ'לערנט מיט אַ קינד וועגן מצוות תקיעת שופר איז דאָס גאַנץ לייכט, ווייל דאָס קינד פאַרלאַנגט נישט אַז מ'זאָל אים גרינטליך מסביר זיין. ער איז מסכים מיטצוזינגען דעם ניגון איבער שופר וואָס דו זינגסט, אָבער אויב וואָלט צוגעקומען צו אונז אַ גר צדק אָדער אַ בעל תשובה, וואָס איז יעצט אַריינגעקומען לעול התורה והמצוות, און ער וואָלט אונז געפרעגט: "וואָס איז דאָס תקיעת שופר?" **וואָלטן אַסאַך מענטשן געבליבן פאַרהאַקט נישט וואוסנדיג צו זאָגן די פשוט'ע באַדייט פון דער מצוה.** דער מענטש איז אַ בר דעת מיט אַ טיפע הבנה און ער וויל פאַרשטיין, אויב דאָס איז נאָר כדי צו דערמאַנען מתן תורה, פאַרוואָס איז דאָ אַזאַ קאָך ביי דער מצוה? פאַרוואָס איז דאָס דער שפּיץ פונעם ראש השנה? מ'קען טאַקע איבערזאָגן די ווערטער איבער הויכע מושגים אָבער מיר האָבן נישט די ערשטע הבנה, צו פאַרשטיין די פשטות המצוה.

## נישט פאַרקריכן אין זאַכן וואָס מ'פאַרשטייט נישט

בדרך אגב, די זעלבע זאַך איז אויך דאָ ביי די מצוה פון נטילת לולב. מ'טרעפט טאַקע אין די ראשונים די פשטות'דיגע טעמים, אַז סוכות ענדיגט מען צוזאַמקלויבן די תבואה פון פעלד און דערפאַר איז עס אַ זמן שמחה. אָבער מיר זענען דאָך נישט נתחנך געוואָרן מיט דעם פשטות'דיגן טעמי המצוות. מיר זענען נתחנך געוואָרן אַז די ארבעה מינים זענען די פיר אותיות פונעם שם הוי"ה וואָס זענען זיך מחבר. דער פּראָבלעם איז נאָר אַז **ווען דער מענטש הייבט אָן אַריינגיין אין די הויכע ענינים, איז ער פאַרגאַנגען אין זאַכן וואָס ער האָט גאַנץ ווייניג הבנה.** ער קען איבערזאָגן די ווערטער דערפון אָבער ער שפּירט עס נישט.

דעריבער איז זייער וויכטיג אַז בנוסף צו די אַלע טעמים פנימיים, **זאָלן מיר יאָ פּרובירן זיך מחבר זיין צו די פשוט'ע כוונה פון דער מצוה,** ווי מ'זעט אין דעם **ספר החינוך,** וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך אַ ראשון, אַז ביי יעדע מצוה זאָגט ער דעם טעם מיט אַ געוואַלדיגע פשטות, ווייל דורכדעם קען דער מענטש זיך אינגאַנצן מחבר זיין דערצו.

## תכלית כל המצוות; אונז מקרב זיין צו השי"ת

לאָמיר דעריבער רעדן אַ נקודה, וואָס איז שייך ביי אַלע מצוות, אָבער ס'איז שטאַרק נוגע ביי די מצוה פון תקיעת שופר:

דער אמת איז אפילו ביי אַזעלכע מצוות וואָס ס'איז שווער צו פאַרשטיין דעם פשוט'ן טעם, זענען אָבער די מצוות אַ לבוש און אַ כלי אַז מיר זאָלן זיך יאָ קענען מחבר זיין צום אויבערשטן דורך די מצוה.

דער כלל איז אַלע תרי"ג מצוות זענען נישט קיין באַזונדערע זאַכן וואָס יעדע מצוה האָט זיך אַן אַנדערן טעם אינגאַנצן אָן קיין שום שייכות איינס

מיט צווייטן, נאר **באמת זענען אַלע תרי״ג מצוות זייער שטאַרק פאַרבינדן**, ווי מיר זאָגן ביי יעדע מצוה ״ותרי״ג מצוות התלויות בה״, אַלע מצוות האָבן אַ גרויסע שייכות מיט איין תכלית: **צו מקרב זיין דעם איד צום אויבערשטן!**

קומט אויס אַז אויב אַ איד שטייט בעפאָר אַ מצוה וואָס ער פאַרשטייט טאַקע נישט די טיפע טעמים דערפון אָבער ער זאָגט: **״איין זאַך ווייס איך זיכער, אַז די מצוה איז געמאַכט געוואָרן אַז איך זאָל נענטער ווערן צו דעם רבוש״ע וואָס האָט מיך באַשאַפן.** קען זיין איך ווייס נישט פאַרוואָס ס׳דאַרף געטון ווערן פונקט אויף אַזאַ סאָרט אופן, אָבער דער עיקר נקודה פון די מצוה ווייס איך יאָ, אַז כ׳דאַרף ווערן דורכדעם מחובר צו השי״ת״. האָט דער איד זיך יעצט אמת׳דיג מחבר געווען צו דער מצוה בלויז מיט דער פשוט׳ער כוונה!

## מ׳איז מקיים די מצוה בשלימות אויך אויב מ׳ווייסט נישט אַלע טעמים

לאָמיר נעמען אַ משל פון די מצוה פון פרה אדומה. מיר ווייסן אַלע אַז דאָס ווערט אָנגערופן אַ ׳חוק בלי טעם׳. אָבער אַלע פרעגן שוין די קשיא אַז לכאורה ברענגט דאך רש״י אַ טעם פון רבי משה הדרשן אַז דאָס איז אַ תיקון אויף דעם חטא העגל, **תבא אמה ותקנח את צואת בנה.** אויב אַזוי איז פרה אדומה נישט קיין חק אָן קיין טעם?!

ענטפערן די מפרשים אַז הגם ס׳איז טאַקע דאָ אַ טעם אויף די עצם מצוה, בלייבט נאָך איבער זייער אַסאַך פרטים פון די מצוה וואָס זענען געבליבן אַ חוק. צום ביישפיל: אויב די טעם איז בלויז מכפר צו זיין אויפ׳ן חטא העגל, פאַרוואָס איז עס מטהר טמאים ומטמא טהורים?! פאַרוואָס טאָר נישט זיין אפילו צוויי האר וואָס זענען נישט רויט, א.א.וו.

אַצינד, אויב אַ איד וועט מקיים זיין מצות פרה אדומה, איז דען אַ חסרון אין דער מצוה אויב ער ווייסט נישט פאַרוואָס די הלכה איז אַז ס׳איז מטהר טמאים ומטמא טהורים?! **אודאי איז קלאָר אַז דאָס שטערט בכלל נישט די מצוה**, הגם דער מענטש קען נישט אַלע טיפע טעמים פון אַלע פרטים, אָבער ווילאַנג ער שפירט די האַרץ פון דער מצוה, קען ער זיך אינגאַנצן מחבר זיין דערצו מיט אַ שטאַרקע הבנה.

## יעדער קען זיך מחבר זיין צו דאָס האַרץ פון יעדע מצוה

די זעלבע זאַך איז ווען מיר גייען מקיים זיין סיי וועלכע מצוה אין דער תורה, ווי תקיעת שופר אָדער ד׳ מינים, דאַרף מען קודם וויסן די ערשטע זאַך: **עס פעלט מיר טאַקע די הבנה צו פאַרשטיין די פרטים פון די מצוות. אָבער איך קען נאָך אַלס מקיים זיין די מצוה מיט די פשוט׳ע כוונה אַז דורכדעם זאָל איך ווערן מחובר צום אויבערשטן!** קען זיין אַז איך ווייס נישט פאַרוואָס מ׳דאַרף בלאָזן דוקא מאה קולות, און פאַרוואָס דוקא מיט אַ שופר, אָבער די האַרץ פון די מצוה פאַרשטיי איך יאָ, די נקודה פון די מצוה איז צו ווערן נאָנט דורכדעם צו השי״ת!

אויב איינער וועט דיך זאָגן: ״אָה, די מצוה איז גאָר טיפע זאַכן און דו קענסט נישט האָבן קיין שייכות דערמיט. ווען דו וועסט עלטער ווערן, ווען דו וועסט לערנען די קליינע אותיות וועסטו עס פאַרשטיין״. **זאָלסטו וויסן אַז דער מענטש האָט נאָך קיינמאָל נישט משיג געווען די האַרץ פון דעם מצוה, אויב ער רעדט אַזוי.**

דאָס איז פונקט ווי איינער וואָס לערנט אַ שטיקל גמרא און ווען ער פאַרשטייט נישט עפּעס זאָגט ער: ״אָה, דאָס איז אַ טיפע קשיא, ס׳איז אַ קצות און אַ נתיבות״. דאָס באַדייט אַז דער מענטש האָט נאָכנישט געלערנט געהעריג די גמרא. **מעגליך אַז דער קצות און דער נתיבות רעדן טאַקע דערפון, אָבער ס׳איז זיכער אויך דאָ אַ פשטות אין דער גמרא.**

דאָס זעלבע איז ביי יעדע מצוה: נאָך איידער מ׳לערנט די אַלע טיפע טעמים און ענינים, וויל דער רבוש״ע בעיקר אַז מיר זאָלן זיך מחבר זיין צו די פשטות המצוה, עד עמקי הנפש; **מ׳זאָל שפירן אַז די מצוה ברענגט מיר נאָענטער צום אויבערשטן**, און דערנאָך קען מען אודאי צוקומען צו העכערע השגות דורך לערנען מער און מער.

ג

# עורו ישנים משינתכם; דאָס שיינקייט פון אידישע הכנעה בשעת תקיעת שופר

## די כוונה פון תקיעות שופר על פי הרמב״ם

דער אופן וויאַזוי תקיעת שופר ברענגט אַ איד צו ווערן נאָנטער צום אויבערשטן, איז באַקאַנט די הייליגע ווערטער פונעם **רמב״ם** אין הלכות תשובה (פ״ג ה״ד): **אע״פ שתקיעת שופר בראש השנה גזירת הכתוב, רמז יש בו, כלומר עורו ישינים משנתכם ונרדמים הקיצו מתרדמתכם וחפשו במעשיכם וחזרו בתשובה וזכרו בוראכם.**

דער רמב״ם האָט דאָס אַרויסגעלערנט פון די פסוקים און פון די מדרשי חז״ל. ווי דער **מדרש** זאָגט (ויקרא רבה כט, ו): אַז ׳תקעו בחודש שופר׳ איז אַ לשון פון **׳חדשו מעשיכם, שפרו מעשיכם׳**, דער שופר טוט ערוועקן דאָס האַרץ זיך צו משנה זיין די מעשים, און ווי דער פסוק זאָגט: **׳אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו׳.**

## דער עיקר איז די תוצאה וואָס די מצוה ברענגט

אַסאַך חסיד׳ישע ספרים זאָגן די נקודה: דו ווילסט וויסן דעם טעם פון תקיעות שופר? **דער שופר האָט אַ געוואַלדיגן כח צו אויפטרייסלען און אויפוועקן די טיפסטע חלקים פון דעם מענטש**, אַז ער זאָל חרטה האָבן פון דעם וועג וואו ער איז געגאַנגען ביז יעצט, און ער זאָל וועלן לעבן אַ בעסערע סאָרט לעבן, צו זיין נאָנטער צום באַשעפער.

מיר וואָלטן געקענט טראַכטן אַז דער עיקר פון תקיעת שופר איז צו בלאָזן און בפועל מקיים זיין די מצוה, אָבער דער רמב״ם און די אַלע ספרים הק׳ לערנען אונז אַ כלל גדול אַז **דער עיקר פון תקיעת שופר איז די תוצאה וואָס קומט אַרויס דערפון**, צו אויפוועקן דאָס האַרץ!

## דער שופר מאַכט אונז צוריק אָריגינעל

דער רבוש״ע האָט אונז געהייסן אַז אין דעם טאָג וואָס ס׳איז געווען די תחלת הבריאה, זה היום תחלת מעשיך, זאָל דער מענטש צוריקגיין צו דעם אָריגינעלן וועג וויאַזוי ער דאַרף באמת אויסקוקן.

דער אויבערשטער האָט דיר באַשאַפן גלייך, מיט אַ נאָרמאַלע וועג פון טראַכטן און זיך אויפפירן. **׳אלקים עשה את האדם ישר׳** - גלייך אָן קיין קרומע מחשבות פון ליגנט און ערמה; ׳ישר׳ אָן קיין לשון הרע׳לעך און אָן קיין קנאה אָדער תאוה, ווייל ווען אַ מענטש איז ׳ישר׳ האָט ער נישט קיין קנאה אויף אַ צווייטן, און אויך די גאַנצע שורש פון תאוה איז וויבאַלד עס פעלט מיך עפּעס און דעריבער וויל איך תענוג פון ערגעץ אַנדערש. **אָבער אַ גלייכער שלימות׳דיגער מענטש איז מלא שמחה און מלא אור.**

במשך דעם יאָר איז דער מענטש ליידער פאַרגאַנגען און מ׳דאַרף זוכן אַ וועג וויאַזוי ער זאָל כאַפּן אַ שאָקל, ער זאָל זיך אויפוועקן, צו חרטה האָבן און צוריקגיין צום גלייכן וועג. ווען דער מענטש געפינט זיך אין דעם מצב, ווערט דאָס אָנגערופן ׳ישנים׳, ווייל ווען דער מח אַרבעט נישט ריכטיג שלאָפט עס. **ער איז טיף פאַרשלאָפן און ער דאַרף זיך אויפכאַפּן.** ער דאַרף דערהערן אַז די וועג וואו איך בין געגאַנגען איז נישט גוט פאר מיר! אפילו אויב כ׳האָב טאַקע נישט ממש עובר געווען קיין איסורים מדאורייתא, אָבער דער אויבערשטער האָט דאָך געזאָגט ׳קדושים תהי׳ - קדש עצמך במותר לך׳. אויב אַזוי, גייט מען אויף אַ קרומען וועג.

## ווי גליקליך איז אַ צעבראָכן האַרץ

דער שופר האָט אָט די טבע פון ׳עורו ישינים משינתכם׳, **עס מאַכט אַז דער מענטש זאָל זיך כאַפּן און טיף דערהערן אַז ס׳איז נישט גוט צו גיין אויף דעם וועג פון ביז יעצט.** אַזוי וועט ער ווערן צוריק אַ נאָרמאַלער געזונטער מענטש, אַזוויוי ער איז באַשאַפן געוואָרן אָריגינעל אין דעם טאָג פון ראשית הבריאה.

דער הייליגער **שר שלום פון בעלזא** זי״ע האָט געטייטשט דעם פסוק ׳אשרי העם יודעי תרועה׳, אַז ׳תרועה׳ איז אַ לשון פון צעבראָכן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים ב, ט) ׳תרועם בשבט ברזל׳. דאָס זאָגט דוד המלך: **׳אשרי העם׳- גליקליך איז דאָס פאָלק, ׳יודעי תרועה׳ - וואָס זיי ווייסן און פאַרשטייען אַז די עיקר פון דער מצוה איז צו האָבן אַ צעבראָכן האַרץ** און זיי האָבן אַ בושה און אַן הכנעה דערפון. דער איד איז מודה אַז ער איז נישט געווען ווי ס׳דאַרף צו זיין און ער שטרעבט צוריק צו ווערן גלייך. **דאָס איז די עיקר נקודה פון תקיעת שופר!**

דער שופר האָט די טבע אונז צו שטאַרק אויפוועקן, נישט בלויז אַז מ׳זאָל זיך איינמאָל איינהאַלטן און מ׳זאָל נאָכדעם צוריקגיין צום אַלטן, נאר אַז מ׳זאָל זיך קענען גענצליך טוישן צום גוטן, און ווערן צוריק אָריגינעל אַזוויוי דער אויבערשטער האָט אונז באַשאַפן.

### יעדער איד בעצם איז אַ נכנע פאַר'ן אויבערשטן

דער פסוק זאָגט 'אשרי העם יודעי תרועה', ווייל דאָס גייט אַרויף אויפ'ן גאַנצן פאָלק. **אידישע קינדער זענען אַזאַ סאָרט פאָלק** וואָס זיי ווייסן וויאַזוי צו זיין צעבראָכן כדי צו ווערן צוריק גלייך.

אידן זענען דאָך בני אברהם יצחק ויעקב, מיר זענען בטבע 'ביישנים רחמנים און גומלי חסדים', **מיר זענען געבויעט ריכטיג!** ס'פאַלט טאַקע אַריין ליידער דאָ אַ שטיקל גאוה און דאָ שטיקל תאוה, אָבער די אַלע זאַכן זענען בלויז אַרום אונז. מיר זענען נישט געבויעט קרום, אונזער שורש איז נישט פון די קליפה. דערה שורש פון אידן איז געבויעט מיט אַזאַ קדושה, דעריבער **ווען מ'וועקט אויף ביים איד זיין אינערליכע פינטל קען ער זיך תיכף טוישן**, ווייל מיר זענען באמת אַ כלי קיבול צו קענען חרטה האָבן און זיך משנה זיין לטובה.

אַ איד איז געבויעט געזונט דערפאַר אנערקענט ער גלייך "עס איז טאַקע נישט ריכטיג וואָס איך האָב געטון, און איך גיי זיך פאַרבעסערן".

### תקיעת שופר העלפט בלויז פאר אַ אידישע נשמה

אַזוי זאָגט די **גמרא** (חגיגה ט, ב): 'יאה עניותא ליהודאי כי ברזא סומקא לסוסיא חיורא' - ס'איז שיין אָרימקייט פאר אידן, אַזויווי אַ רויט בענדל איז שיין פאר אַ ווייסע פערד. 'עניותא' איז אַ געוויסע נאַטור, אַ תכונת הנפש וואָס אידן פאַרמאָגן במתנה. אַמאָל איז דאָ וואָס די חיצוניות'דיגע אָרימקייט קען צוהעלפן אַז מ'זאָל האָבן די אינערליכע תכונה פון עניות, **אָבער אַ איד האָט דאָס אויך נאַטירליך.** די שיינקייט פון אידן איז ווען ער פאַרמאָגט דעם נאַטור פון אַן 'עני'. ער האָט דעם געפיל: **"עס פעלט מיך, הלואי קען זיין בעסער"**. ער איז אַ מקבל, ער איז אַ נכנע.

דאָס ווערט אָנגערופן 'שיין', אַזוי ווי ווען מ'וויל צוזאמפאסן אַז די מעבל פונעם שטוב זאָל זיין די זעלבע קאָליר ווי דער וואַנט, ווייל אַזוי איז עס שיין ווען איין זאַך פאסט זיך גוט אַרויף אויף די אַנדערע זאַך. דאָס זעלבע פאסט זיך גוט די מדה פון עניות אויף אַ איד, ווייל דער איד איז במהות אַזאַ סאָרט נכנע, ער איז געבויעט אויף דעם סאָרט אופן. **אויב מ'וועט בלאָזן שופר פאר אַ גוי אפילו טויזנט מאָל וועט דאָס גאָרנישט העלפן אים צו מאַכן בעסער.** ס'וועט אַרויסברענגען בלויז דאָס פאַרקערטע, ווייל די טבע פון דעם שופר איז געמאַכט צו אויפוועקן די פנימיות פון דעם מענטש, און דעם גוי'ס פנימיות איז פאַרקערט ווי אַ נכנע.

**אָבער אַ איד האָט דאָך אַ ריינע אינערליכע נקודה**, און ווען ער הערט דעם קול שופר האָט השי"ת אַריינגעלייגט אַז די כלי פאַרמאָגט דעם כח **צו אויפוועקן ביי דעם איד זיין אמת.** אַז ער זאָל באַקומען אַ תשוקה און אַ רצון צו לעבן מיט אַ העכערקייט.

### שופר ברענגט בושה פאַר'ן אויבערשטן

כעין זה ברענגען די **ספרים** בשם דעם **אריז"ל**, אַז דאָס פנים פון דעם בעל תוקע ווערט רויט בשעת מען בלאָזט שופר, וויבאַלד דאָס איז איינס פון די עיקר ענינים פון תקיעת שופר, אַז **מ'זאָל רויט ווערן אַזויווי איינער האָט אַ בושה.** מ'זאָל האָבן די הכנעה וואָס איז גורם אַז ס'זאָל זיין 'אזיל סומקא ואתי חיוורא'.

פאַרוואָס דארף עס דוקא געטון ווערן מיט דעם כלי פון דעם שופר?! פאַרוואָס איז נישט גענוג אַז דער רב זאל זאָגן אַ דרשה און מעורר זיין דעם עולם לתשובה?! **ווייל דער רבוש"ע האָט אַריינגעלייגט אַ ספעציעלן כח אין דעם שופר אַז דאָס זאָל אויפוועקן דעם איד'ס נקודה הפנימית** וואָס וועט מאַכן אַז ער זאָל בעסער ווערן.

דאָס איז די ערשטע עיקר פון תקיעת שופר, ווי דער רמב"ם שטעלט אונז דאָס אַראָפּ, און די אַלע אַנדערע גרויסע ענינים און טעמים זענען שוין די קומענדיגע דרגות וואָס קומען נאָך דעם ערשטן כלל.

ד

# יום טוב של ר"ה שחל בשבת; שב"ק איז משפיע 'אויף אונזער נפש' פונקט ווי תקיעות שופר

### די תשובה ברענגט אן ערבוב השטן

די **גמרא** אין מסכת **ראש השנה** (טז, א) זאָגט אַז דערפאַר האָט מען מתקן געווען צו בלאָזן צוויי מאָל, תקיעות דמיושב און דערנאָך תקיעות דמעומד, ווייל דאָס טוט צעמישן דעם שטן, כדי לערבב השטן.

לכאורה איז דאָך דער טעם פון תקיעת שופר צו מעורר זיין דעם 'עורו ישנים', אויב אַזוי פאַרוואָס שטייט דאָ אן אַנדערע טעם. נאר זאָגן די ספרים הק' אַז **דאָס גייט צוזאַמען**; די תכלית פון תקיעת שופר איז אַז דער מענטש זאל באַקומען הכנעה פאַר'ן אויבערשטן, און **אָט די הכנעה ברענגט שוין אויטאָמאַטיש** אן ערבוב השטן.

### דער חביבות המצוה פון אמת'ע הכנעה

באמת איז דער תירוץ שוין מרומז אין **רש"י** דאָרט אויפ'ן פלאַץ: **"כדי לערבב השטן שלא ישטין, כשישמע ישראל מחבבין את המצוות מסתתמין דבריו"**.

וואָס איז די כוונה פון רש"י אַז אידן זענען מחבב די מצוה פון שופר? קען מען דען זאָגן אַז די חיבוב המצוה באַדייט ווען איינער פאַרמאָגט אין שטוב צוואָנציג דרייסיג שופרות ווייל ער האָט אַזאַ שטאַרקע חביבות דערצו, און אויב איינער וועט אים אָנרירן זיין שופר וועט יענער כאַפּן ווייל ער האָט אַ חביבות צו שופר?! קען מען דען זאָגן אַז חיבוב המצוה באַדייט ווען איינער איז מדקדק יוצא צו זיין אַלע שיטות פון די שברים און די תרועות, אָבער ער רירט זיך נישט פון זיין פלאַץ און ער פאַרבלייבט מיט זיינע אַלטע הרגלים, **דאָס האָט דען רש"י געמיינט מיט חיבוב המצוה?!**

אודאי איז די כוונה פון 'ישראל מחבבין את המצוות', אַז **אידן האָבן ליב דעם חלק פון דער מצוה וואָס וועקט זיי אויף און ברענגט זיי לידי הכנעה!**

### יעדער איד האָט ליב זיך צו מכניע זיין פאַר'ן אויבערשטן

אַ איד איז מסכים צו מודה זיין בשעת תקיעת שופר ביי זיך אין האַרץ: **יאָ, איך האָב זיך שטאַרק טועה געווען ביז יעצט, איך בעט דיך רבוש"ע העלף מיר!** איך ווייס קלאָר אַז אויב כ'גיי זיך נישט טוישן וועל איך ליידן בזה ובבא. איך וויל אַזוי שטאַרק אָפּלאָזן מיינע אַלטע מעשים! איך הייב אויף די הענט צום אויבערשטן ווייל איך ווייס אַז איך האָב זיך טועה געווען, און עס טויג נישט!

אָט די הכנעה פון אַ איד בשעת תקיעת שופר, ברענגט אַזאַ געוואַלדיגע חביבות! **אַ איד האָט ליב דאָס צו טון ווייל דאָס איז זיין מהות!** יעדער מענטש ווערט נאָכגעצויגן צו זאַכן וואָס זענען זיין מהות. פונקט ווי איינער וואָס האָט אַ געפיל צו נגינה, ווערט נמשך אַלעמאָל צו זינגען, דאָס זעלבע ווערט אַ איד נמשך צו הכנעה.

דאָס זאָגט רש"י: 'כשישמע ישראל מחבבין את המצוות מסתתמין דבריו'. אידן האָבן ליב צו טון מצוות וואָס ברענגט זיי לידי הכנעה. דאָס מאַכט אויטאָמאַטיש אַז אויך דער שטן זאל ווערן צעמישט. ווייל **ווען דער שטן וואָס געפינט זיך אין אַ אידיש האַרץ ווערט פאַרטומלט, ווערט אויך צעמישט דער שטן פון דער גאַנצער בריאה. ס'איז די זעלבע כח הקליפה!**

און דערפאַר האָט אונז דער אויבערשטער געהייסן בלאָזן שופר, ווייל אַזוי זענען מיר מבטל דעם שטן פון דער בריאה. **מיט איינמאָל בלאָזן וואָלט מען נאָך אפשר נישט אַזוי נתעורר געוואָרן, דערפאַר בלאָזט מען צוויי מאָל**, תקיעות דמיושב און תקיעות דמעומד, ביז מ'זאָל ווערן גוט אויפוועקט, עורו ישנים כפשוטו ממש.

### די שרעק פונעם שטן איז באַרעכטיגט

נאָכדעם וואָס מ'פאַרשטייט דעם פשוט'ן און עיקר טעם, זעט מען וויאַזוי אַלע אַנדערע טעמים און ענינים וואָס שטייט אין ספרים הק' בויעט זיך אויף דעם צענטראַלן טעם. די אַלע טעמים זענען נישט קיין צוויי שיטות נאר **ס'איז אַלעס איין נקודה, אַז מצות שופר דארף צוריקברענגען דעם מענטש צום אויבערשטן.** און אַזויווי ביי יעדע מצוה איז דאָ די נקודה פון דער זאַך און דערנאָך איז דאָ אַלע ענינים און טעמים וואָס ספרים הק' און צדיקים האָבן צוגעלייגט אויף דעם עיקר נקודה פון דער מצוה.

צום ביישפּיל: ס'איז ידוע וואָס עס שטייט אין **ירושלמי** אַז בשעת מען בלאָזט שופר ווערט דער שטן דערשראָקן ווייל ער מיינט אַז ס'איז שוין געקומען די גאולה שלימה ווען מ'וועט בלאָזן מיט דעם שופר גדול.

אויב לערנט מען דאָס אַלס אַ באַזונדערע טעם שטעלט זיך גלייך די פּשוט'ע קשיא: **דער שטן האָט זיך דאָך שוין אויסגעלערנט פאַראַיאָר און פאר צוויי יאָר צוריק אַז דער שופר איז נישט דער שופר של משיח,** פאַרוואָס ווערט ער יעדעס יאָר נאָכאַמאָל דערשראָקן?!

אָבער מיט דעם הקדמה פונעם רמב"ם אַז די עיקר מצוות תקיעת שופר איז צו אויפוועקן דעם אידישע הארץ, פאַרשטייט מען זייער גוט אַז ווען אַ איד ווערט נתעורר אפילו אויף אַ סעקונדע צו נאָנטער ווערן צום אויבערשטן, האָט ער דאָך יאָ דערשטיקט די קליפּה, עס האָט נישט קיין חיות! נאָכדערצו אום ראש השנה, ווען עס שטייט אַ ציבור אידן וועלכע ווערן נתעורר בתשובה בשעת תקיעת שופר, **אודאי מיינט דער שטן אַז ס'קומט די גאולה שלימה, ווייל אַזוי שפּירט זיך די גאולה שלימה!** ווען אידן זאלן בלייבן אין דעם מצב אַגאַנץ יאָר איז זיכער אַז ס'וואָלט שוין געווען די גאולה.

## פּתח להם נועם ורצון; שבת ברענגט הכנעה

דאָס יאָר פאַלט אויס די ערשטע ראש השנה אום שבת, וואָס חז"ל האָבן מתקן געווען אַז מ'זאָל נישט בלאָזן קיין שופר. דער ספה"ק **מאור ושמש** איז מסביר אַז לכאורה וויאַזוי קען זיין אַז די חכמים זאלן עוקר אַזאַ מצוה וואָס איז ממתיק אַלע דינים? נאר זאָגט דער מאור ושמש אַז **די זעלבע המתקת הדינים וואָס ווערט דורך די מצוה פון תקיעת שופר, ווערט דאָס יאָר דורכ'ן שבת קודש.** דער שבת אַליין איז ממתיק אַלע דינים!

אָבער הרה"ק **מטשערקאַס** זי"ע אין ספר 'עמק תפלה' איז דאָס מבאר לויט דעם אויבנדערמאַנטן יסוד, אַז דער עיקר תכלית פון תקיעות שופר, איז אַרויסצוברענגען ביים מענטש אַ לב נשבר, אַ הכנעה און אַ בושה פאַר'ן אויבערשטן. **אויך דער הייליגער שבת האָט דעם זעלבן כח מעורר צו זיין בושה מיט הכנעה פאר השי"ת,** ווי דער **תיקוני זוהר** זאָגט אַז 'שבת' איז אותיות 'בש"ת', און ווי **חז"ל** זאָגן אַז אפילו אן עם הארץ האָט מורא צו זאָגן אַ ליגנט שבת, ווייל 'אימת שבת עליו'.

## עס פאָדערט זיך אונזער הכנה צום שב"ק

איי, וועט דער מענטש פרעגן, אַז איך זע נישט וויאַזוי דער שבת זאָל מיר ברענגען די הכנעה? דער תירוץ איז אַז ביים שופר איז אויך דאָך אויך שייך אַז ס'זאָל גאָרנישט משפּיע זיין. אלא מאי, **דער מענטש מוז זיך צושטעלן צו זיין אַ פּאַסיגער כלי אַז די מצוה זאָל אים קענען אַריינשיינען!** אויב אַזוי איז דאָס זעלבע ביי שב"ק. מ'דאַרף זיך צוגרייטן אַז דער שבת זאָל קענען משפּיע זיין, אָבער אויב אַ איד מאַכט די ריכטיגע הכנה, האָט שב"ק דעם זעלבן כח צו טון וואָס דער שופר טוט, נישט נאר אין די עולמות העליונים (אַזויווי מ'איז געוואוינט צו טראַכטן), נאר **עס טוט אויך אויף דאָ אויפ'ן נפש פון דעם איד!**

אויב ראש השנה געפאַלט אינמיטן די וואך דאַרף מען צוקומען צו אַ שופר וואָס זאָל אַרויסברענגען די בושה און די הכנעה פאַר'ן אויבערשטן, אָבער **שבת האָט דער אויבערשטער אַריינגעלייגט דעם כח אינעם עצם היום,** אַז ווען אַ איד קומט אָן צום שבת מיט די ריכטיגע הכנה, **וועט דאָס אַרויסברענגען זיין לב נשבר פאַר'ן רבוש"ע.**

## דאָס יאָר וועלן מיר זוכה זיין בדין, בזכות שב"ק

דער אויבערשטער האָט אונז אַזוי ליב און דערפאַר האָט ער אונז געגעבן מצוות וואָס זאָלן אונז העלפן צוריקגיין צו אונזער אָריגינעלער מהות. ער האָט אונז געגעבן די מצוה פון תקיעת שופר דוקא אָנהויב יאָר, ווייל ס'איז אַ זמן ווען מען משפּט דעם מענטש, און **דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין בדין.** פּונקט ווי ער האָט אונז געגעבן די מצוה פון ניסוך המים אין דעם יום טוב פון סוכות ווען מ'איז נידון על המים. **יעדעס מאָל ווען ער וויל אַז מיר זאָלן זוכה זיין בדין, איז ער אונז מזכה מיט אַ מצוה וואָס זאָל אונז העלפן דערצו.** מיט זיין גרויס אהבה שטעלט ער אונז אויס די באַשטימטע מצוות, וואָס ער ווייסט אַז דאָס איז די בעסטע זאַך וואָס מיר דאַרפן האָבן פאַר דעם יעצטיגן מאָמענט.

אויב דער רבוש"ע האָט אונז דאָס יאָר געגעבן אַ שבת, אַנשטאָט תקיעות שופר, איז עס **ווייל ער האָט געוואוסט אַז דאָס יאָר דאַרפן מיר האָבן דעם שב"ק וואָס זאָל אונז באַגלייטן צו זוכה זיין בדין!** דאָס יאָר האָבן מיר אַ תקיעות שופר במשך די גאַנצע פיר און צוואָנציג שעה פונעם שב"ק! ▪

המשך מעמוד ח'

## נקודה למחשבה

### אַז מ'איז נכנע, וועט דער טוב אָנקומען גרינגער

ווען אַ מענטש לעבט מיט דער מחשבה, גייט ער אויטאָמאַטיש ווייטער: דער רבוש"ע איז דאך אַזאַ טוב ומטיב, און ער טוט אַלעמאָל דאָס בעסטע פאר מיר, **אויב אַזוי וויל איך אים דינען!** איך וויל נישט זיין דערווייטערט פון אים!

בנוסף לזה, אויב דער מענטש איז זיך מער מכניע פאַר'ן אויבערשטן, ער איז אינטערעסירט צו הערן וואָס השי"ת זאָגט אים אַז ער זאָל פאַררעכטן זיינע מעשים, **דעמאָלט וועט אויטאָמאַטיש דער 'גוטס' קומען אויף אַ בעסערן פאַרנעם**, ווייל דו אַרבעטסט מיט! וויפיל אַ מענטש איז נענטער צום רבוש"ע, **וועט דער טוב ממילא קומען אויף אַסאַך אַ לייכטערן אופן.** די תשובה תפלה וצדקה זענען מעביר אַלע דינים.

אודאי איז זייער כדאי פאַר'ן מענטש זיך אַריינצושטעלן אין אַזאַ מצב פון נאָנטקייט צו השי"ת, כדי אַז דער טוב זאל טאַקע קומען מיט וואָס וויניגער עגמת נפש, אָבער **אפילו אויב דו וועסט נישט תשובה טון, וועט דער אויבערשטער נאָך אַלץ מאַכן די בעסטע זאַך פאַר דיר!** נאר צום באַדויערן וועט דער טוב אָנקומען מיט מער עגמת נפש. **דאָס קענסטו אַליין מחליט זיין.** דער חלק האָט נישט מיט'ן אויבערשטן, נאר ס'האָט מיט דיין אייגענע בחירה.

### דער נשמת פון ראש השנה האָט אַן אַנדערן באַדייט

אַלענפאַלס, ווען אַ מענטש ווייסט אַז דער אויבערשטער גייט זיך אָפּגעבן מיט אים נאר לטובה, ברענגט דאָס אַ געוואַלדיגע שמחה. דער איד זאָגט **פסוקי דזמרה** מיט אַ מורא'דיגע שמחה, **ער זאָגט נשמת מיט אַזאַ וואַרעמקייט,** ווייל ער שפּירט דאָס גוטס פון דעם רבוש"ע.

ביי יעדע זאַך איז דאָ אַ 'מספר קטן' און אַ 'מספר גדול'. יעדע וואָך שבת ווען דער איד זאָגט 'עד הנה עזרונו רחמיך ואל תטשינו ה' אלקינו לנצח', איז דאָס מיט אַ 'מספר קטן'; ער דאַנקט אויף די פאַרלאָפענע וואָך און ער האָט בטחון אויף די קומענדיגע וואָך. אָבער **ווען ס'קומט אַ ראש השנה'דיגע נשמת ליגט דאָ אַסאַך מער עומק.** ס'איז אַן 'עד הנה' מיט אַ 'מספר גדול'... ער דאַנקט אויפ'ן גאַנצן פאַרלאָפענעם יאָר און **ער איז פאַרזיכערט אַז די חסדי ה' וועלן ממשיך זיין אויפ'ן קומענדיגן יאָר.**

דאָס איז אַזויווי אַ פייל וואָס וויפיל שטאַרקער מען ציעט עס אויף צוריק, פליעט עס ווייטער. **וויפיל מער התבוננות מ'לייגט אַריין אין דעם 'עד הנה עזרונו רחמיך', אַלץ בעסער זאָגט זיך דער 'ואל תטשינו ה' אלקינו לנצח'.** דער איד איז באמת פרייליך און פאַרזיכערט אַז דער רבוש"ע גייט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.

### ס'איז געווען גוט, און ס'וועט זיין גוט

אַמאָל קען זיין אַ מענטש וואָס טראַכט: "איך האָב דאך געהאַט אַזויפיל צרות די פריערדיגע יאָר, איך בין דורכגעגאַנגען אַזויפיל פּרשיות. כ'האָב פּשוט מורא אַז ס'וועט זיין נאָך אַ יאָר פון פּראָבלעמען"... דאָס איז אָבער אַ טעות מוחלט. ווייל **ס'איז זיכער אַז דער אויבערשטער האָט געטון די בעסטע פאַר דיר אויך דעם פאָריגן יאָר.** ווען אַ מענטש איז נכנע פאַר'ן רבוש"ע, וועט אודאי קומען דאָס גוטס אויך בנגלה, אָבער אפילו אויב נישט, **איז עס געווען אַ יאָר וואָס דער אויבערשטער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דיר אויף יעדן טריט און שריט.** אויב דער מענטש האָט געלעבט אין אַ הסתר, איז דאָס געווען זיין אייגענע הסתר. יעצט טוט ער תשובה, **אַז ער זאָל נישט מוזן לעבן אין אַ הסתר נאָך אַ יאָר.** **אָבער דער רבוש"ע איז אַלעמאָל טוב, און וויפיל מער דער מענטש וועט אַרבעטן אויף זיך, וועט ער עס קענען מיטהאַלטן בחוש.

אויב אַ איד גרייט זיך ריכטיג, מיט תפלות, מיט הכנעה, און מיט התבוננות, העלפט אים דער רבוש"ע אַז **ער זאָל קענען טאַקע זיין פרייליך און אויפגערוימט.** ער זאָל קענען אַזוי דאַווענען אַז דער מח זאל אַריינציען אַלע גוטע הבנות וואָס ער דאַרף מיטנעמען אויפ'ן גאַנצן יאָר.

נקודה במחשבה

# עס קומט אַ גוטע יאָר בלי שום ספק!

## ליל שישי תבא תשפ"ה

### די שמחה פאַר'ן משפט פון השי"ת

הרה"ק בעל **אמרי חיים מוויזניץ** זי"ע איז אַמאָל געזיצן ביים טיש ראש השנה ביינאַכט און מ'האָט געזונגען פרייליכע ניגונים פון שירות ותשבחות. ווען דער אמרי חיים האָט געזען ווי איינער פון די עלטערע חסידים וואונדערט זיך אַז ראש השנה איז מען אַזוי פרייליך, האָט ער אים געזאָגט אַז אַזוי שטייט דאך אין תהלים: **יַעֲלֹז שָׂדַי וְכָל אֲשֶׁר בּוֹ. אָז יְרַנְּנוּ כָּל עֲצֵי יָעַר. לִפְנֵי ה' כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ.** איידער דער אויבערשטער קומט משפט'ן די וועלט, איז די צייט צו זינגען און זיך פרייען!

דאס איז די חסידי'שע גירסא פון דעם טייטש. זייער ענליך איז אויך דאָ אַ וואָרט פון הגאון רבי **שלמה וואלבה** ז"ל: **'יעלוז שדי וכל אשר בו, אז ירננו כל עצי יער'**, ווייסט פאַרוואָס זיי זענען אַזוי פרייליך? **'כי בא לשפוט הארץ'**. ווייל דער אויבערשטער גייט משפט'ן די וועלט.

דאָס איז בעצם די פשוט'ע טייטש פונעם פסוק. אָבער פאַרוואָס טאַקע איז די בריאה אַזוי פרייליך? לכאורה איז עס דאָך אַ לחץ. **ס'איז טאַקע נישט קיין עצבות, אָבער ס'איז יאָ אַ געוואַלדיגער פחד?** דער פסוק אַליין פאַרענטפערט די שאלה! ווייסטו וואָס ס'איז די גרויסע שמחה? ווייל **יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בְּמֵישָׁרִים!** דער אויבערשטער וועט משפט'ן יעדן איינעם מיט'ן גרעסטן ישרות, **אויפ'ן בעסטן אופן וואָס ס'קען נאר זיין!** און וויבאַלד די גאַנצע בריאה ווייסט דאָס, אַז השי"ת גייט פסק'נען דעם בעסטן משפט וואָס קען זיין, דעריבער איז טאַקע דאָ אַזאַ גרויסע שמחה.

### ס'וועט זיכער זיין אַ גוטער פסק

לאָמיר דאָס אַביסל פאַרברייטערן, אַז מ'זאָל זיך קענען מתחבר זיין צו דער שמחה: ס'איז באַקאַנט דאָס לשון פונעם **טור** (או"ח תקפ"א) אַז ערב ראש השנה וואַשט מען זיך אַרום, מען שערט זיך, און מ'טוט זיך אן שיינע בגדים, ווייל מ'איז פאַרזיכערט מיט אַ געוואַלדיגן בטחון אַז דער אויבערשטער גייט אויס'פסק'נען אַ גוט יאָר. -**"לובשים לבנים, ומתעטפים לבנים, ומגלחין זקנם ומחתכין צפרניהם, ואוכלין ושותין ושמחים בר"ה, לפי שיודעין שהקב"ה יעשה להם נס".**

אַסאַך מאָל וואונדערט זיך דער מענטש: מ'האָפט טאַקע אויף דאָס בעסטע, **אָבער מ'האַלט דאך נאָך פאַר'ן פסק.** מען דאַוונט און מ'בעט אַז ס'זאָל זיין גוט, אויב אַזוי, וואָס איז די כוונה פונעם טור?

איינס פון די פשטים אינעם טור איז אַזוי: **איך האָב נישט קיין שום ספק און ס'איז זיכער הונדערט פראָצענט אַז דער רבוש"ע איז מיין טאַטע, און ער גייט טון די בעסטע זאַך פאר מיר!** די זאַך איז בכלל נישט קיין ספק! ווי די וועלט דערציילט דעם משל פון איינער וואָס האָט געהאַלטן פאַר אַן ערנסטן משפט און ווען מ'האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס ער איז נישט פאַר'דאגה'ט האט ער געזאָגט אַז ס'איז טאַקע דאָ אַ געוואַלדיגער פחד יום הדין אָבער **דער שופט איז מיין טאַטע...**

### 'גוט' מיינט נישט אַ הפקר לעבן...

וועט אַ מענטש פרעגן: **אָבער מ'דאַרף דאך האָבן יראה?** מ'דאַרף דאך תשובה טון? דער תירוץ איז, אַז די בעסטע זאַך פאַר'ן מענטש גייט נישט זיין אַז מ'וועט אים סתם לאָזן לעבן אויף הפקר! נאָכמער, אפילו אויב דו גייסט תשובה טון און וויינען די מערסטע וואָס דו קענסט, **וועט אויך די בעסטע זאַך נישט זיין אַז דו זאָלסט סתם עסן אייזקרים אַ גאַנץ יאָר...**

די בעסטע זאַך פאַר דיר מיינט אַז ס'וועט זיין אַ יאָר וואָס דו וועסט שטייגן, דו וועסט זען די אהבה פונעם רבוש"ע, דער אויבערשטער גייט דיר אויפהייבן במשך דעם יאָר, און **דאָס פאָדערט אַביסל אָנשטרענגונג...** דאָס גייט קאסטן התבוננות און אחריות. דאָס איז אַלעמאָל אַזוי, אָבער זאָלסטו וויסן אַז דער אויבערשטער איז פאַרנומען דיר צו מטיב זיין.

### דער תכלית פון ראש השנה איז צו טון גוטס

מ'זאָגט ביי שמו"ע פון ראש השנה: 'זה היום תחילת מעשיך'. דער אויבערשטער האָט לכתחלה באַשאַפן זיין גאַנצע וועלט מיט איין תכלית: **להטיב לברואיו**, און דאָס שפילט זיך איבער יעדעס יאָר פונדאָסניי.

פאַרוואָס באַנייט דער אויבערשטער נאָכאַמאָל זיין בריאה? **ווייל ער וויל אונז נאָכאַמאָל מטיב זיין!** יעדעס יאָר בויעט זיך אַ נייע וועלט, ס'קומט פאר אַ 'דינא קשיא' און אַ 'דינא רפיא', עס חזר'ט זיך איבער דער קטרוג המלאכים, עס ווערט דער סוד פון 'נסירה', מ'דאַרף ממתיק זיין די דינים, א.א.וו. עס ווערט נאָכאַמאָל באַשאַפן די וועלט, און **דער תכלית פון דער גאַנצער זאַך איז בלויז: להיטיב לברואיו!** אויב אַזוי, ווען דער אויבערשטער מאַכט דעם משפט פון ראש השנה, **וועט עס זיין די בעסטע זאַך וואָס מ'קען זיך נאר פארשטעלן.** מ'דאַרף זיך פשוט מתחבר זיין צו דעם אמת וואָס איז נישט מוטל בספק.

דער מענטש קלאַפּט אַריין ביים טיר און ער זאָגט: "רבוש"ע, איך ווייס אַז אַלעס גייט זיין דאָס בעסטע, איך וויל נאָר וויסן איין זאַך, ס'גייט למעשה ווערן אויסגעפירט אַ שידוך דאָס יאָר? איך דאַרף וויסן אויב כ'זאָל מיך אָנגרייטן"... זאָגט אים דער אויבערשטער: "דאָס וועלן מיר רעדן אן אַנדערע מאָל... **יעצט איז ראש השנה, און איך בין דיר מבטיח אַז ס'גייט זיין די בעסטע פאַר דיר.** דו קענסט זיין פאַרזיכערט אויף הונדערט פראָצענט!" -די גאַנצע בריאה ווייסט טאַקע זייער גוט פון דעם מציאות. יעלוז שדי וכל אשר בו, אז ירננו כל עצי יער לפני ה' כי בא לשפוט את הארץ.

המשך בעמוד הקודם ›››

פטרון חודש תשרי

לע"נ איש יקר הרוח ועדין הנפש, מרביץ תורה לעדרים
הרה"ח ר' **יוסף צבי** ב"ר **מרדכי שמואל**
**רדזמינסקי** זצ"ל
נלב"ע בדמי ימיו כ"ב סיון תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה.

פטרון ראש השנה

לעילוי נשמתו של איש רב פעלים מעורר לבבות ישראל מקרב צעירים לאביהם שבשמים
הרה"ח ר' **ר' זכרי' שמעון הכהן**
בן ר' **יצחק** ז"ל
ת.נ.צ.ב.ה.

ארה"ב 718. 686. 8300
א"י 072. 257. 7726
בריטניה 0333. 070. 6585
בלגיה 0480. 20. 16. 18

לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini. com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק: ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62 / ביהמ"ד קראסנא לאקער #166 / ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה / ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה / The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213 / ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58Central Market / ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל / ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ"ד ויואל משה סאטמאר לאקער 40 / ביהמ"ד סאטמאר 13 לאקער 25 / ביהמ"ד הגדול וויזניץ לאקער 219 / ביהמ"ד ווילעדניק / ביהמ"ד נצח ישראל פארשעי / ביהמ"ד סטאלין / ביהמ"ד ראדאשיץ עירמאנט / ביהמ"ד סאטמאר בנין שיף

קרית יואל: ביהמ"ד אהל פיגא / ביהמ"ד בית אלעזר / ביהמ"ד בית מנחם זאב / ביהמ"ד ישמח משה / ביהמ"ד אבני צדק / ביהמ"ד רב טוב / ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן: ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42 / ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25 / ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33 / ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד / ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"